# יתרו ליום שלישי

להמשיך מת"ת דז"א יהוה - נפש, י יה יהו יהוה - רוח, יוד הא ואו הא - נשמה, יֹהֹוֹהֹ - חיה יחידה, ה דמלוי ה"ה אל שם ב"ן שבעשיה בניקוד חולם

## ביאור מקרא

(יא) עַתָּה יָדַעְתִּי יעצט ווייס איך [א זאך וואס איך האב געוואוסט פון לאנג צוריק און יעצט ווייס איך עס נאך מער]] כִּי גָדוֹל ה' אז השי"ת איז גרעסער מִכָּל הָאֱלֹהִים פון אלע אפגעטער כִּי בַדָּבָר אֲשֶׁר זָדוּ ווייל מיט דער זאך וואס זיי האבן געטראכט צו טון פאר די אידן עֲלֵיהֶם די זאך אליין איז געקומען אויף זיי [זיי צו שטראפן]: (יב) וַיִּקַּח יִתְרוֹ חֹתֵן מֹשֶׁה האט יתרו דער שווער פון משה גענומען עֹלָה וּזְבָחִים לֵאלֹהִים א קרבן עולה און קרבנות שלמים פארן אויבערשטן וַיָּבֹא אַהֲרֹן וְכֹל זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל און אהרן איז געקומען און אלע עלטסטע פון די אידן

## תורה (יתרו יח, יא-יב)

יא עַתָּ֣ה יָדַ֔עְתִּי כִּֽי־גָד֥וֹל יְהֹוָ֖ה מִכָּל־הָֽאֱלֹהִ֑ים כִּ֣י בַדָּבָ֔ר אֲשֶׁ֥ר זָד֖וּ עֲלֵיהֶֽם׃

כְּעַן יְדַעְנָא, אֲרֵי רַב יְיָ וְלֵית אֱלָהּ בַּר מִנֵּיהּ. אֲרֵי בְּפִתְגָּמָא דְחָשִׁיבוּ מִצְרָאֵי לְמֵידַן יָת יִשְׂרָאֵל, בֵּיהּ דְּנִינוּן׃

יב וַיִּקַּ֞ח יִתְר֨וֹ חֹתֵ֥ן מֹשֶׁ֛ה עֹלָ֥ה וּזְבָחִ֖ים לֵֽאלֹהִ֑ים וַיָּבֹ֨א אַהֲרֹ֜ן וְכֹ֣ל ׀ זִקְנֵ֣י יִשְׂרָאֵ֗ל

## רש"י

(יא) **עתה ידעתי.** מכירו הייתי לשעבר ועכשיו ביותר: **מכל האלהים.** מלמד שהיה מכיר בכל עבודה זרה שבעולם, שלא הניח עבודה זרה שלא עבדה (מכילתא): **כי בדבר אשר זדו עליהם.** כתרגומו, במים דמו לאבדם והם נאבדו במים: **אשר זדו.** אשר הרשיעו. ורבותינו דרשוהו, לשון ויזד יעקב נזיד (בראשית כה, כט), בקדרה אשר בשלו בה נתבשלו (סוטה יא.): (יב) **עולה.** כמשמעה, שהיא כולה כליל: **זבחים.** שלמים: **ויבא אהרן וגו'.**

## ביאור רש"י

(יא) **עַתָּה יָדַעְתִּי.** איז שווער וואס מיינט 'עתה ידעתי' יעצט ווייס איך, ער האט דאך שוין געוואוסט פון פריער אויך, ווייל ער האט זיך דאך אפגעשיידט פון עבודה זרה, אזוי ווי רש"י זאגט אין פרשת שמות [ב, טז]? ענטפערט רש"י, 'עתה ידעתי' מיינט **מַכִּירוֹ הָיִיתִי לְשֶׁעָבַר** איך האב שוין אנערקענט דעם אויבערשטן פון פריער, **וְעַכְשָׁיו בְּיוֹתֵר** און יעצט נאך מער:

**מִכָּל הָאֱלֹהִים.** דאס וואס יתרו האט געזאגט אז השי"ת איז גרעסער 'מכל האלהים' פון אלע אפגעטער, **מְלַמֵּד** דאס לערנט אונז **שֶׁהָיָה מַכִּיר** אז ער האט געקענט **בְּכָל עֲבוֹדַת אֱלִילִים שֶׁבָּעוֹלָם** יעדער עבודה זרה פון דער גאנצער וועלט, **שֶׁלֹּא הִנִּיחַ עֲבוֹדַת אֱלִילִים שֶׁלֹּא עֲבָדָהּ** ווייל ער האט נישט איבערגעלאזט קיין עבודה זרה וואס ער האט איר נישט געדינט:

**כִּי בַדָּבָר אֲשֶׁר זָדוּ עֲלֵיהֶם.** **כְּתַרְגּוּמוֹ** אזוי ווי דער תרגום טייטשט עס ['ארי בפתגמא דחשיבו מצראי למדן ית ישראל ביה דנונן', ווייל מיט דער זאך וואס די מצריים האבן געטראכט צו שטראפן די אידן מיט דער זאך האט מען זיי געשטראפט], ערקלערט רש"י, אזוי ווי מען זעט אז **בַּמַּיִם דִּמּוּ לְאַבְּדָם** אין וואסער האבן די מצריים געטראכט צו מאכן פארלירן די אידן **וְהֵם נֶאֶבְדוּ בַּמַּיִם** און זיי אליינס זענען פארלוירן געווארן אין וואסער:

**אֲשֶׁר זָדוּ.** **אֲשֶׁר הִרְשִׁיעוּ** וואס זיי האבן געטראכט שלעכטס. **וְרַבּוֹתֵינוּ דְּרָשׁוּהוּ** און אונזערע רבי'ס האבן דאס גע'דרש'נט, אז דיווארט 'זדו' איז פונעם זעלבן **לְשׁוֹן** וואס עס שטייט אין פסוק **וַיָּזֶד יַעֲקֹב נָזִיד** און יעקב האט געקאכט א געקעכטס, אזוי אויך מיינט דא 'אשר זדו עליהם', **בַּקְּדֵרָה אֲשֶׁר בִּשְּׁלוּ** אין דעם טאפ וואס זיי האבן געקאכט **בָּהּ נִתְבַּשְּׁלוּ** אין איר זענען זיי אפגעקאכט געווארן:

(יב) **עוֹלָה.** **כְּמַשְׁמָעָהּ** אזוי ווי דער אפטייטש פונעם ווארט, **שֶׁהִיא כּוּלָּהּ כָּלִיל** א קרבן וואס זי ווערט אינגאנצן פארברענט און מען עסט גארנישט פון איר פלייש:

**זְבָחִים.** **שְׁלָמִים** שעכטונגען פון קרבנות שלמים:

**וַיָּבֹא אַהֲרֹן וְגוֹ'.** וויבאלד משה ווערט נישט דערמאנט

## תורה (יתרו יח, יב-יג)

לֶאֱכָל־לֶחֶם עִם־חֹתֵן מֹשֶׁה לִפְנֵי הָאֱלֹהִים: וְקָרֵיב יִתְרוֹ חֲמוּהִי דְמֹשֶׁה, עֲלָוָן וְנִכְסַת קוּדְשִׁין קֳדָם יְיָ. וַאֲתָא אַהֲרֹן וְכֹל סָבֵי יִשְׂרָאֵל, לְמֵיכַל לַחְמָא עִם חֲמוּהִי דְמֹשֶׁה, קֳדָם יְיָ: שני יג וַיְהִי מִמָּחֳרָת וַיֵּשֶׁב מֹשֶׁה לִשְׁפֹּט אֶת־הָעָם

## ביאור מקרא

**לֶאֱכָל לֶחֶם** צו עסן ברויט [א סעודה] **עִם חֹתֵן מֹשֶׁה** מיט דעם שווער פון משה **לִפְנֵי הָאֱלֹהִים** פאר דעם אויבערשטן: (יג) **וַיְהִי מִמָּחֳרָת** און עס איז געווען צומארגנס [פון משה׳ס אראפנידערן פון בארג סיני, וואס דאס איז געווען א טאג נאך יום כפור] **וַיֵּשֶׁב מֹשֶׁה** האט משה זיך געזעצט **לִשְׁפֹּט אֶת הָעָם** צו משפט׳ן דאס פאלק [דין תורות א.ד.ג.]

## רש״י

ומשה היכן הלך, והלא הוא שיצא לקראתו וגרם לו את כל הכבוד, אלא שהיה עומד ומשמש לפניהם: **לפני האלהים.** מכאן שהנהנה מסעודה שתלמידי חכמים מסובין בה כאילו נהנה מזיו השכינה (ברכות סד.): (יג) **ויהי ממחרת.** מוצאי יום הכפורים היה, כך שנינו בספרי, ומהו ממחרת, למחרת רדתו מן ההר. ועל כרחך אי אפשר לומר אלא ממחרת יום הכפורים, שהרי קודם מתן תורה אי אפשר לומר והודעתי את חקי וגו׳ (להלן פסוק טז), ומשנתנה תורה עד יום הכיפורים לא ישב משה לשפוט את העם, שהרי בי״ז בתמוז ירד ושבר את הלוחות ולמחר עלה בהשכמה ושהה שמונים יום וירד ביום הכיפורים. ואין פרשה זו כתובה כסדר, שלא נאמר ויהי ממחרת עד שנה שניה, (אף) [ואף] לדברי האומר יתרו קודם מתן תורה בא

## ביאור רש״י

אין פסוק, פרעגט רש״י **וּמֹשֶׁה הֵיכָן הָלַךְ** און וואו איז משה געגאנגען, **וַהֲלֹא הוּא שֶׁיָּצָא לִקְרָאתוֹ** ער איז דאך דער וואס איז ארויסגעגאנגען אקעגן אים **וְגָרַם לוֹ אֶת כָּל הַכָּבוֹד** און ער האט אים גורם געווען דעם גאנצן כבוד [אזוי ווי רש״י זאגט אויבן יח, ז]? ענטפערט רש״י, **אֶלָּא** נאר, [דאס וואס משה ווערט נישט דערמאנט צווישן די וועלכע זענען געזעצן און געגעסן] **שֶׁהָיָה עוֹמֵד וּמְשַׁמֵּשׁ לִפְנֵיהֶם** ווייל ער איז געשטאנען און באדינט פאר זיי:

**לִפְנֵי הָאֱלֹהִים. מִכָּאן** פון דא לערנט מען ארויס **שֶׁהַנֶּהֱנֶה מִסְּעוּדָה שֶׁתַּלְמִידֵי חֲכָמִים מְסוּבִּין בָּהּ** אז דער וועלכער געניסט פון א סעודה וואס תלמידי חכמים זיצן דארט, ווערט עס גערעכנט פאר אים **כְּאִילּוּ נֶהֱנֶה מִזִּיו הַשְּׁכִינָה** אזוי ווי ער געניסט פון דעם שיין פון די שכינה, ווייל די שכינה רוט דארט:

(יג) **וַיְהִי מִמָּחֳרָת. מוֹצָאֵי יוֹם הַכִּפּוּרִים הָיָה** עס איז געווען א טאג נאך יום כיפור, **כָּךְ שָׁנִינוּ בְּסִפְרֵי** אזוי האבן מיר געלערנט אין ספרי, **וּמַהוּ מִמָּחֳרָת** און וואס מיינט ׳ממחרת׳, צומארגנס **לְמָחֳרַת רִדְתּוֹ מִן הָהָר** צומארגנס פון ווען ער איז אראפגעקומען פונעם בארג [וואס דאס איז געווען אום יום כיפור, דאס הייסט א טאג נאך יום כיפור]. **וְעַל כָּרְחֲךָ אִי אֶפְשָׁר לוֹמַר** און מיר קענען נישט זאגן אנדערש **אֶלָּא מִמָּחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים** נאר אז עס איז געווען צומארגנס פון יום כפור [און נישט ווי עס זעט אויס פשוט פון פסוק אז ׳ויהי ממחרת׳ מיינט א טאג נאכדעם וואס יתרו איז געקומען], **שֶׁהֲרֵי קוֹדֶם מַתַּן תּוֹרָה** ווייל איידער די תורה איז געגעבן געווארן **אִי אֶפְשָׁר לוֹמַר** קען מען נישט זאגן **וְהוֹדַעְתִּי אֶת חוּקֵּי וְגוֹ׳** און איך וועל לאזן וויסן די געזעצן פונעם אויבערשטן [ממילא מוז דאך זיין אז עס איז געווען נאך מתן תורה], **וּמִשֶּׁנִּתְּנָה תּוֹרָה עַד יוֹם הַכִּפּוּרִים** און פון ווען די תורה איז געגעבן געווארן [ז׳ סיון] ביז יום כפור **לֹא יָשַׁב מֹשֶׁה לִשְׁפּוֹט אֶת הָעָם** האט זיך משה נישט געזעצט משפט׳ן דאס פאלק [צו פירן דין תורה׳ס], **שֶׁהֲרֵי בְּי״ז בְּתַמּוּז יָרַד וְשִׁבֵּר אֶת הַלּוּחוֹת** ווייל אינעם זיבעצנטן טאג אין תמוז [נאך פערציג טעג וואס משה איז געווען אין הימל] איז משה אראפגעגאנגען פון בארג און ער האט צעבראכן די לוחות [ווען ער האט געזען אז אידן האבן געמאכט דעם עגל רח״ל], **וּלְמָחָר עָלָה בְּהַשְׁכָּמָה** און צומארגנס איז ער צוריק ארויפגעגאנגען זייער פרי **וְשָׁהָה שְׁמוֹנִים יוֹם** און ער האט זיך דארט פארזוימט אכציג טעג **וְיָרַד בְּיוֹם הַכִּפּוּרִים** און ער איז אראפגעגאנגען פונעם בארג אום יום כפור. **וְאֵין פָּרָשָׁה זוֹ כְּתוּבָה כְּסֵדֶר** און לויט דעם אויבנדערמאנטן חשבון קומט אויס אז די פרשה שטייט נישט לויטן סדר פון די געשעענישן, **שֶׁלֹּא נֶאֱמַר וַיְהִי מִמָּחֳרָת עַד שָׁנָה שְׁנִיָּה** ווייל מען מוז זאגן אז דער ׳ויהי ממחרת׳ איז נישט געזאגט געווארן ביז דעם צווייטן יאר [נאכדעם וואס די אידן זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים, ד.מ. נאך ראש השנה, וואס ווען מען רעכנט דעם חשבון פון יארן פון בריאת העולם הייסט עס דעם צווייטן יאר], **וְאַף לְדִבְרֵי הָאוֹמֵר יִתְרוֹ קוֹדֶם מַתַּן תּוֹרָה בָּא** אפילו לויט דעם מאן דאמר וואס זאגט אז יתרו איז געקומען פאר מתן תורה [און לויט דעם וואלט מען לכאורה יא געקענט

**ביאור מקרא**

**וַיַּעֲמֹד הָעָם עַל מֹשֶׁה** און דאס פאלק איז געשטאנען איבער משה **מִן הַבֹּקֶר עַד הָעָרֶב** פון צופרי ביז ביינאכט:

**תורה** (יתרו יח, יג)

# וַיַּעֲמֹ֤ד הָעָם֙ עַל־מֹשֶׁ֔ה מִן־הַבֹּ֖קֶר עַד־הָעָֽרֶב׃ וַהֲוָה מִיוֹמָא דְבַתְרוֹהִי, וִיתֵיב מֹשֶׁה לְמִדַּן

**רש"י**

שילוחו אל ארצו לא היה אלא עד שנה שניה, שהרי נאמר כאן (להלן פסוק כז) וישלח משה את חותנו, ומצינו במסע הדגלים שאמר לו משה (במדבר י, כט-לא) נוסעים אנחנו אל המקום וגו' אל נא תעזוב אותנו, ואם זה קודם מתן תורה, משנשלחו והלך, היכן מצינו שחזר. ואם תאמר, שם לא נאמר יתרו אלא חובב ובנו של יתרו היה, הוא חובב הוא יתרו, שהרי כתיב (שופטים ד, יא) מבני חובב חותן משה: **וישב משה וגו' ויעמוד העם.** יושב כמלך וכולן עומדים, והוקשה הדבר ליתרו, שהיה מזלזל בכבודן של ישראל והוכיחו על כך, שנאמר מדוע אתה יושב לבדך וכלם נצבים: **מן הבקר עד הערב.** אפשר לומר כן, אלא כל דיין שדן דין אמת לאמיתו אפילו שעה אחת

**ביאור רש"י**

זאגן אז עס גייט לויטן סדר, ווייל די דאזיגע פרשה שטייט דאך פאר מתן תורה און דאס וואס עס שטייט 'והודעתי את חקי האלקים וגו'' קען מען זאגן אז דאס זענען די מצוות וואס זענען געגעבן געווארן אין מרה, - שבת, פרה, און דינים], אבער **שִׁלּוּחוֹ אֶל אַרְצוֹ לֹא הָיָה אֶלָּא עַד שָׁנָה שְׁנִיָּה** דאס צוריקשיקן יתרו צו זיין לאנד איז זיכער געווען נאר אין דעם צווייטן יאר [פון יציאת מצרים], **שֶׁהֲרֵי נֶאֱמַר כָּאן** ווייל עס שטייט דא **וַיְשַׁלַּח מֹשֶׁה אֶת חֹתְנוֹ** און משה האט אוועקגעשיקט זיין שווער ['וילך לו אל ארצו' און ער איז אהיימגעגאנגען צו זיין לאנד], **וּמָצִינוּ בְּמַסַּע הַדְּגָלִים שֶׁאָמַר לוֹ מֹשֶׁה** און מיר געפינען ביי דאס ציען פון די פענער אז משה האט געזאגט צו יתרו **נוֹסְעִים אֲנַחְנוּ אֶל הַמָּקוֹם וְגוֹ'** מיר ציען זיך צו דעם פלאץ וואס השי"ת האט אונז צוגעזאגט, און דעריבער בעטן מיר **אַל נָא תַּעֲזוֹב אֹתָנוּ** לאז יעצט אונז נישט איבער, **וְאִם זוֹ קוֹדֶם מַתַּן תּוֹרָה** און אויב דאס [וואס עס שטייט דא אז ער האט אים אוועקגעשיקט] איז געווען פאר מתן תורה, **מִשֶּׁשִּׁלְּחוֹ וְהָלַךְ** פון ווען ער האט אים אהיימגעשיקט און ער איז געגאנגען **הֵיכָן מָצִינוּ שֶׁחָזַר** וואו געפינען מיר אז ער איז צוריקגעקומען [מוז מען זאגן אז דאס אוועקשיקן שטייט זיכער נישט לויטן סדר, און ממילא קען מען זאגן אז אויך די אנהייב פרשה איז געווען נישט לויטן סדר און 'ממחרת' מיינט אויפצומארגנס פון יום כיפור], **וְאִם תֹּאמַר שָׁם לֹא נֶאֱמַר יִתְרוֹ** איי וועסטו פרעגן אז דארט ביי דער מסע הדגלים שטייט נישט יתרו **אֶלָּא חוֹבָב** נאר חובב, **וּבְנוֹ שֶׁל יִתְרוֹ הָיָה** און חובב איז געווען א זון פון יתרו [און לויט דעם וועט מען טייטשן אז דאס וואס דער פסוק זאגט דארטן 'ויאמר משה לחבב בן רעואל המדיני חתן משה' מיינט נישט אז חובב איז געווען דער שווער פון משה, נאר 'חתן משה' גייט ארויף אויף רעואל אזוי ווי רש"י האט געברענגט אנהייב פרשה, אז יתרו האט געהייסן רעואל, און אויב אזוי קען מען דאך זאגן אז יתרו איז שוין יא אוועקגעגאנגען פריער], זאגט רש"י אז מען קען נישט אזוי זאגן נאר **הוּא חוֹבָב הוּא יִתְרוֹ** חובב און יתרו איז דער זעלבער מענטש, **שֶׁהֲרֵי כְּתִיב** ווייל עס שטייט דאך אין פסוק **מִבְּנֵי חוֹבָב חוֹתֵן מֹשֶׁה** פון די זין פון חובב וואס איז געווען דער שווער פון משה, זעען מיר דאך אז חובב איז יתרו, [און לויט דעם וועט מען זאגן, אז דאס וואס דער פסוק זאגט 'לחובב בן רעואל המדיני חותן משה' גייט ארויף 'חתן משה' אויף חובב, און נישט אויף רעואל, און לויט דעם וועט מען מוזן אננעמען דעם פשט פון רש"י אנהייב פרשה אז רעואל איז געווען דער זיידע, עיי"ש]:

**וַיֵּשֶׁב מֹשֶׁה וְגוֹ' וַיַּעֲמוֹד הָעָם. יוֹשֵׁב כְּמֶלֶךְ וְכוּלָּן עוֹמְדִים** משה איז געזעצן ווי א קעניג און אלע אידן [וואס זענען געקומען צו אים] זענען געשטאנען **וְהוּקְשָׁה הַדָּבָר לְיִתְרוֹ** און די זאך איז שווער געווען פאר יתרו [עס האט אים נישט געפאלן] **שֶׁהָיָה מְזַלְזֵל בִּכְבוֹדָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל** אז ער האט גרינגגעשעצט אינעם כבוד פון די אידן, אז ער לאזט זיי שטיין אזא לאנגע צייט, **וְהוֹכִיחוֹ עַל כָּךְ** און ער האט אים מוסר געזאגט דערויף, **שֶׁנֶּאֱמַר** אזוי ווי עס שטייט ווייטער אין פסוק, אז יתרו האט געזאגט צו משה **מַדּוּעַ אַתָּה יוֹשֵׁב לְבַדֶּךָ** פארוואס זיצסטו אליין **וְכֻלָּם נִצָּבִים** און אלע שטייען:

**מִן הַבֹּקֶר עַד הָעָרֶב.** [פרעגט רש"י] **אֶפְשָׁר לוֹמַר כֵּן** קען מען דען אזוי זאגן, אז די אידן זענען געשטאנען פון אינדערפרי ביז ביינאכט, און ער האט גע'משפט די אידן? **אֶלָּא** נאר דער פסוק לערנט אונז, **כָּל דַּיָּין שֶׁדָּן דִּין אֱמֶת לַאֲמִיתּוֹ** אז יעדער דיין וועלכער פסק'נט אַן אמת'ער פסק על פי תורה מיט אַן אמת'קייט [דאס מיינט אז ווען ער זעט אז דער בעל דין פרובירט אויפצובויען זיין טענה אויף דיני התורה כדי צו דורכפירן זיין פאלשקייט, דאן פסק'נט ער לויט דעם אמת, און נישט לויט די פאלשע טענה פונעם בעל דין] **אֲפִילּוּ שָׁעָה אַחַת** אפילו נאר איין שעה,

## תורה (יתרו יח, יג-טו)

יַת עַמָּא. וְקָם עַמָּא עֲלוֹהִי דְמֹשֶׁה, מִן צַפְרָא עַד
רַמְשָׁא: יד **וַיַּרְא֙ חֹתֵ֣ן מֹשֶׁ֔ה אֵ֛ת כָּל־אֲשֶׁר־**
**ה֥וּא עֹשֶׂ֖ה לָעָ֑ם וַיֹּ֗אמֶר מָֽה־הַדָּבָ֤ר הַזֶּה֙**
**אֲשֶׁ֨ר אַתָּ֤ה עֹשֶׂה֙ לָעָ֔ם מַדּ֗וּעַ אַתָּ֤ה יוֹשֵׁב֙**
**לְבַדֶּ֔ךָ וְכָל־הָעָ֛ם נִצָּ֥ב עָלֶ֖יךָ מִן־בֹּ֥קֶר**
**עַד־עָֽרֶב:** וַחֲזָא חֲמוּהִי דְמֹשֶׁה יַת כָּל דְּהוּא עָבֵיד
לְעַמָּא. וַאֲמַר, מַה פִּתְגָמָא הָדֵין דְּאַתְּ עָבֵיד לְעַמָּא, מַה
דֵּין אַתְּ יָתֵיב בִּלְחוֹדָךְ, וְכָל עַמָּא קַיְמִין עִילָוָךְ מִן
צַפְרָא עַד רַמְשָׁא: טו **וַיֹּ֥אמֶר מֹשֶׁ֖ה לְחֹתְנ֑וֹ כִּֽי־יָבֹ֥א אֵלַ֛י הָעָ֖ם לִדְרֹ֥שׁ**
**אֱלֹהִֽים:** וַאֲמַר מֹשֶׁה לַחֲמוּהִי, אֲרֵי אָתַן לְוָתִי עַמָּא, לְמִתְבַּע אוּלְפַן מִן קֳדָם יְיָ:

### ביאור מקרא

(יד) **וַיַּרְא חֹתֵן מֹשֶׁה** און דער שווער פון משה האט געזען **אֵת כָּל אֲשֶׁר הוּא עֹשֶׂה לָעָם** דאס אלעס וואס ער [משה] טוט פארן פאלק **וַיֹּאמֶר** און ער האט געזאגט [פאר משה] **מָה הַדָּבָר הַזֶּה** וואס איז די דאזיגע זאך **אֲשֶׁר אַתָּה עֹשֶׂה לָעָם** וואס דו טוסט פארן פאלק **מַדּוּעַ אַתָּה יוֹשֵׁב לְבַדֶּךָ** פארוואס זיצסטו אליין **וְכָל הָעָם** און דאס גאנצע פאלק **נִצָּב עָלֶיךָ** שטייט איבער דיר **מִן בֹּקֶר עַד עָרֶב** פון צופרי ביז ביינאכט: (טו) **וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה לְחֹתְנוֹ** און משה האט געזאגט פאר זיין שווער **כִּי יָבֹא אֵלַי הָעָם** ווייל עס קומט צו מיר דאס פאלק **לִדְרֹשׁ אֱלֹהִים** צו פאדערן לערנונג פון אויבערשטן:

### רש"י

מעלה עליו הכתוב כאילו עוסק בתורה כל היום, וכאילו נעשה שותף להקדוש ברוך הוא במעשה בראשית, שנאמר בו (בראשית א, ה) ויהי ערב וגו' (שבת י.): (טו) **כי יבא.** כי בא. לשון הווה: **לדרוש אלהים.** כתרגומו, למתבע אולפן, לשאול תלמוד מפי הגבורה:

### ביאור רש"י

**מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב** רעכנט אים דער פסוק **כְּאִילּוּ עוֹסֵק בַּתּוֹרָה כָּל הַיּוֹם** אזוי ווי ער לערנט תורה א גאנצן טאג [און 'מן הבוקר עד הערב' מיינט אז עס הייסט אזוי ווי ער לערנט פון אינדערפרי ביז ביינאכט, אבער לויט דעם וואלט געווען גענוג צו שטיין, 'ויעמוד העם על משה כל היום', און וויבאלד עס שטייט דאס לשון 'מן הבקר עד הערב', דעריבער זאגט רש"י לערן איך ארויס נאך א זאך] **וּכְאִילּוּ נַעֲשָׂה שׁוּתָּף לְהַקָּבָּ"ה בְּמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית** און עס ווערט אים גערעכנט אזוי ווי ער ווערט א שותף צו השי"ת אינעם באשאפונג פון דער וועלט **שֶׁנֶּאֱמַר בּוֹ** וואס עס שטייט ביי דעם **וַיְהִי עֶרֶב וְגוֹ'** עס איז געווארן ביינאכט און עס איז געווארן אינדערפרי:

(טו) **כִּי יָבֹא.** לכאורה איז שווער פארוואס שטייט א לשון עתיד, עס וואלט געדארפט שטיין א לשון עבר, ווייל זיי זענען דאך שוין געקומען? זאגט רש"י, עס איז אזוי ווי עס וואלט געשטאנען **כִּי בָא** ווייל דאס פאלק קומט שטענדיג, וואס דאס איז א **לְשׁוֹן הוֹוֶה** און א זאך וואס איז הווה שטייט אפטמאל מיט א לשון עתיד: **לִדְרֹשׁ אֱלֹהִים. כְּתַרְגּוּמוֹ** אזוי ווי דער תרגום טייטשט, זיי קומען **לְמִתְבַּע אוּלְפַּן** צו פארלאנגען א לערנונג, ערקלערט רש"י, ד.מ. זיי קומען **לִשְׁאוֹל תַּלְמוּד מִפִּי הַגְּבוּרָה** פרעגן א לערנונג פון הלכות פון השי"ת'ס מויל כביכול:

## נביאים

להמשיך מנ"ה דז"א צבאות - נפש, צ צב צבא צבאו צבאות - רוח, יהוה - נשמה דנצח, אדני - נשמה דהוד, יְהֹוִה - חיה יחידה דנצח, יֱהֱוֱהֱ - חיה יחידה דהוד, אל שם ב"ן שבעשיה

## נביאים (ישעיה ו יא – ז ב)

יא **וָאֹמַ֕ר עַד־מָתַ֖י אֲדֹנָ֑י וַיֹּ֗אמֶר עַ֣ד אֲשֶׁ֣ר**
**אִם־שָׁא֨וּ עָרִ֜ים מֵאֵ֣ין יוֹשֵׁ֗ב וּבָתִּים֙ מֵאֵ֣ין אָדָ֔ם**

### רש"י

(יא) **עד מתי.** יכבידו את לבם ולא ישמעו: **ויאמר.** ידעתי כי לא ישובו, עד תבא פורענות עליהם וילכו בגולה, ושאו עריהם

### ביאור מקרא

(יא) **וָאֹמַר עַד מָתַי ה'.** האב איך - ישעיה, געזאגט: ביז ווי לאנג השי"ת וועט עס געדויערן, אז זיי וועלן הארט מאכן זייער הארץ. **וַיֹּאמֶר עַד אֲשֶׁר אִם שָׁאוּ עָרִים מֵאֵין יוֹשֵׁב.** האט השי"ת געזאגט: איך ווייס, אז זיי וועלן נישט תשובה טאן, ביז זיי וועלן גיין אין גלות און זייערע שטעט וועלן זיין וויסט, אן קיין איינוואוינער. **וּבָתִּים מֵאֵין אָדָם.**

## נביאים (ישעיה ו יא – ז ב)

וְהָאֲדָמָה תִּשָּׁאֶה שְׁמָמָה: וַאֲמַרִית עַד אֵימָתַי יְיָ וַאֲמַר
עַד דִּיצִדּוֹן קִרְוַיָּא מִבְּלִי יָתֵיב וּבָתַּיָּא מִבְּלִי אֱנָשָׁא וְאַרְעָא תֶּחֱרוּב
וְתִצְדֵּי: יב וְרִחַק יְהוָה אֶת־הָאָדָם וְרַבָּה הָעֲזוּבָה
בְּקֶרֶב הָאָרֶץ: וִירַחֵק יְיָ יָת בְּנֵי אֱנָשָׁא וְתִסְגֵּי צַדְיוּתָא בְּגַוַּהּ
דְּאַרְעָא: יג וְעוֹד בָּהּ עֲשִׂירִיָּה וְשָׁבָה וְהָיְתָה לְבָעֵר
כָּאֵלָה וְכָאַלּוֹן אֲשֶׁר בְּשַׁלֶּכֶת מַצֶּבֶת בָּם זֶרַע
קֹדֶשׁ מַצַּבְתָּהּ: וְיִשְׁתַּאֲרוּן בָּהּ חַד מִן עַסְרָא צַדִּיקַיָּא
וִיתוּבוּן וִיהוֹן לִצְרָבָא כְּבוּטְמָא וּכְבַלּוּטָא דִּבְמִתַּר טַרְפּוֹהִי דָּמִין
לְיַבִּישִׁין וְעַד כְּעַן אִנּוּן רַטִּיבִין לְקַיָּמָא מִנְּהוֹן זַרְעָא כֵּן גָּלוּתָא
דְּיִשְׂרָאֵל יִתְכַּנְּשׁוּן וִיתוּבוּן לְאַרְעֲהוֹן אֲרֵי זַרְעָא דְקוּדְשָׁא
נִצְבַּתְהוֹן: ז א וַיְהִי בִּימֵי אָחָז בֶּן־יוֹתָם בֶּן־עֻזִּיָּהוּ
מֶלֶךְ יְהוּדָה עָלָה רְצִין מֶלֶךְ־אֲרָם וּפֶקַח
בֶּן־רְמַלְיָהוּ מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל יְרוּשָׁלַםִ לַמִּלְחָמָה
עָלֶיהָ וְלֹא יָכֹל לְהִלָּחֵם עָלֶיהָ: וַהֲוָה בְּיוֹמֵי אָחָז בַּר
יוֹתָם בַּר עֻזִּיָּה מֶלֶךְ שִׁבְטָא דְּבֵית יְהוּדָה סְלֵיק רְצִין מַלְכָּא דַּאֲרָם
וּפֶקַח בַּר רְמַלְיָהוּ מַלְכָּא דְּיִשְׂרָאֵל לִירוּשְׁלֵם לַאֲגָחָא קְרָבָא עֲלַהּ
וְלָא יְכִיל לַאֲגָחָא עֲלַהּ: ב וַיֻּגַּד לְבֵית דָּוִד לֵאמֹר
נָחָה אֲרָם עַל־אֶפְרָיִם וַיָּנַע לְבָבוֹ וּלְבַב עַמּוֹ

### רש"י

מאין יושב: **שאו. תשאה.** לשון גלמוד מאין יושב: (יב) **ורבה העזובה.** שהארץ תעזב מהם (ויקרא כו מג). וכן הלשון, ירבו מקומות עזובים בקרב הארץ: (יג) **ועוד בה עשיריה.** [וכשיתמעטו לאחד מעשרה] גם אותה השארית, אשיב ידי עליה בצירוף אחר צירוף (כתובות קיב:): **והיתה לבער.** עד שלא ישארו אלא צדיקים גמורים שישובו אלי בכל לבם: **כאלה וכאלון.** אשר בעת זמן שלכת שלהן, משליכין עלין שלהן בימי הסתיו שילוך אחר שילוך, עד שאין נותר בה זולתי המצבה, אף הם זרע הקודש הנמצאין בה עומדין בקדושתן, הם יהיו לה למצבת. דבר אחר, מצבתה, נטיעתה, לכך איני מכלה אותם, שאני נטעתים זרע קודש. ויש פותרים, שער שלכת היתה בירושלים כמו שאמר בעזרא (דה"י א' כו טז) והיו שם אלה ואלון נטועים:

ז (א) **ויהי בימי אחז.** מה ראה הכתוב לייחסו, אלא מפני שסופו של הכתוב לומר ולא יכול להלחם עליה, ולמדך שזכות אבות עמדה לו, אמרו מלאכי השרת לפני הקדוש ברוך הוא, ווי [ס"א מי] הוא זה שמָלַךְ רשע זה, אמר להם בן יותם הוא, בן עוזיהו הוא, אבותיו היו צדיקים, לפיכך אי אפשי לפשוט ידי בו, הדא הוא ולא יכול להלחם עליה, מפני זכות אבותיו. בבראשית רבה (סג א): (ב) **ויגד לבית דוד.** לפי שרשע היה, לא הזכיר שמו: **נחה ארם על אפרים.** נתחבר מלך ארם על מלך ישראל לבא עליך. נחה לשון נקבה, על שהמלכות נחה, טוסי"ר בלע"ז, לשון וינח בכל גבול מצרים (שמות י יד): **וינע לבבו.** לפי שכבר נלחם בו כל אחד מהם בפני עצמו ויכלו לו, שנאמר ויתנהו ה' ביד מלך ארם וגו', ואומר ויהרג פקח בן רמליהו מאה ועשרים אלף איש, שניהם

### ביאור מקרא

און זייערע הייזער וועלן זיין אן מענטשן. **וְהָאֲדָמָה תִּשָּׁאֶה שְׁמָמָה.** און די ערד וועט זיין פארוויסט מיט א פארוויסטונג:

(יב) **וְרִחַק ה' אֶת הָאָדָם.** און השי"ת וועט דערווייטערן די אידן [זיי וועלן גיין אין גלות, אין א ווייטע לאנד]. **וְרַבָּה הָעֲזוּבָה בְּקֶרֶב הָאָרֶץ.** און עס וועט זיך מערן די פארלאזטע ערטער אין לאנד:

(יג) **וְעוֹד בָּהּ עֲשִׂרִיָּה.** און ווען עס וועט נאך איבערבלייבן אין לאנד א צענטל. **וְשָׁבָה וְהָיְתָה לְבָעֵר.** וועט זיך מיין האנט אומקערן זיי צו לייטערן, ביז עס וועלן אויסגערוימט ווערן אלע רשעים. **כָּאֵלָה וְכָאַלּוֹן אֲשֶׁר בְּשַׁלֶּכֶת.** אזוי ווי א אלה בוים און א אלון בוים, וואס אין הערבסט ווען עס פאלט אראפ זייערע בלעטער. **מַצֶּבֶת בָּם.** בלייבט איבער נאר דער שטאם פון בוים. **זֶרַע קֹדֶשׁ מַצַּבְתָּהּ.** אזוי וועט איבערבלייבן איר באשטאנד פון הייליגע אידישע קינדער [די רשעים וועלן אומקומען, נאר די צדיקים וועלן בלייבן]:

ז (א) **וַיְהִי בִּימֵי אָחָז בֶּן יוֹתָם בֶּן עֻזִּיָּהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה.** און עס איז געווען אין די טעג פון אחז דער זון פון יותם בן עזיהו - דער קעניג פון יהודה. **עָלָה רְצִין מֶלֶךְ אֲרָם וּפֶקַח בֶּן רְמַלְיָהוּ מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל יְרוּשָׁלַםִ לַמִּלְחָמָה עָלֶיהָ.** איז ארויף רצין - דער קעניג פון ארם, און פקח בן רמליהו - דער קעניג פון ישראל, קיין ירושלים צו מלחמה האלטן אויף איר. **וְלֹא יָכֹל לְהִלָּחֵם עָלֶיהָ.** און ער האט נישט געקענט מלחמה האלטן אויף איר [דער זכות אבות האט מגין געווען אויף אחז]:

(ב) **וַיֻּגַּד לְבֵית דָּוִד לֵאמֹר.** איז געזאגט געווארן צו דוד'ס הויזגעזינד, אזוי צו זאגן [דאס מיינט אחז, נאר ווייל ער איז געווען א רשע, דערמאנט נישט דער פסוק זיין נאמען]. **נָחָה אֲרָם עַל אֶפְרָיִם.** דער קעניג פון ארם האט זיך באהאפטן צום קעניג פון אפרים - צו קומען אויף דיר מלחמה האלטן. **וַיָּנַע לְבָבוֹ וּלְבַב עַמּוֹ**

## נביאים (ישעיה ו יא – ז ב)

כְּנוֹעַ עֲצֵי־יַעַר מִפְּנֵי־רֽוּחַ׃ וְאִתְחַוָּא לְבֵית דָּוִד לְמֵימַר אִתְחַבַּר מַלְכָּא דַאֲרָם עִם מַלְכָּא דְיִשְׂרָאֵל לְמֵיתֵי עֲלוֹהִי וְזָע לִבֵּיהּ וְלִבָּא דְעַמֵּיהּ כְּאִשְׁתְּדָיוּת אִילָנֵי חוּרְשָׁא מִן קֳדָם רוּחָא׃

**רש״י**

בדברי הימים (ב׳ כח ה-ו): **כנוע עצי יער.** קול אילני סרק ישמע יותר (מכל) [מקול] אילני פירי, כדאיתא בבראשית רבה (טז ג):

**ביאור מקרא**

**כְּנוֹעַ עֲצֵי יַעַר מִפְּנֵי רוּחַ.** און עס האט געציטערט זיין הארץ און די הארץ פון זיין פאלק, אזוי ווי עס שאקלען זיך דיליידיגע בוימער פון וואלד פונעם ווינט [- זיי שאקלען זיך מער ווי די פרוכט בוימער. אחז האט זייער מורא געהאט, ווייל יעדער פון די צוויי קעניגן האט אים שוין אמאל באזיגט, און יעצט האבן זיי זיך ביידע צוזאמענגענומען אויף אים]:

## כתובים

להמשיך מיסוד ומלכות דז״א שין דלת יוד - נפש, שין שין דלת שין דלת יוד - רוח, יאהדונהי - נשמה דיסוד, **א אד אדנ אדני** - נפש, אדני - רוח, אלף דלת נון יוד - נשמה דמלכות, יו הו וו הו - חיה יחידה דיסוד, יְהֹוָה - חיה יחידה דמלכות, אל שם ב״ן שבעשיה

## כתובים (משלי טו כ-כד)

כ בֵּן חָכָם יְשַׂמַּח־אָב וּכְסִיל אָדָם בּוֹזֶה אִמּֽוֹ׃ בְּרָא חַכִּימָא יַחְדֵּי לַאֲבוּי וּבְרָא סַכְלָא מְשִׁיט אִמֵּיהּ׃
כא אִוֶּלֶת שִׂמְחָה לַחֲסַר־לֵב וְאִישׁ תְּבוּנָה יְיַשֶּׁר־לָֽכֶת׃ שַׁטְיוּתָא חֶדְוְתָא הִיא לַחֲסִיר לִבָּא וְגַבְרָא דְמִתְבַּיַּן תְּרִיצוּת מְהַלֵּךְ׃
כב הָפֵר מַחֲשָׁבוֹת בְּאֵין סוֹד וּבְרֹב יוֹעֲצִים תָּקֽוּם׃ בְּטוּלָא דְמַחְשְׁבָתָא הֵיךְ דְּלֵית רָזָא וּבְסוּגְעָא דְאִלֵּין דְּמִתְמַלְכִין עֵצְתָא תְּקוּם׃
כג שִׂמְחָה לָאִישׁ בְּמַעֲנֵה־פִיו וְדָבָר בְּעִתּוֹ מַה־טּֽוֹב׃ חֶדְוְתָא לְגַבְרָא בְּמִלְתָא דְפוּמֵיהּ וּמִלְתָא בְּעִדָּנָא סְגוּ טָבָא׃
כד אֹרַח חַיִּים לְמַעְלָה לְמַשְׂכִּיל לְמַעַן סוּר מִשְּׁאוֹל מָֽטָּה׃ אָרְחָא דְחַיֵּי מַעַלְיָא לְסוּכְלְתָנָא דְנִסְטָא מִן שְׁיוֹל תַּחְתִּיתָא׃

**רש״י**

(כ) **בן חכם ישמח אב וכסיל אדם בוזה אמו.** גורם לאמו שמבזים אותה: (כא) **אולת.** שמחה היא לחסר לב: (כב) **הפר מחשבות באין סוד.** בלא עצה לא תקום מחשבה: (כג) **שמחה לאיש במענה פיו.** כמשמעו, על ידי מענה רך ודבור נחת, הבריות אוהבים אותו. ורבותינו דרשוהו (עירובין נד.) על בעלי גירסא, אם מוצאים בפיהם מענה, אז תתקיים בם וישמחו: **ודבר בעתו מה טוב.** שואלים בהלכות הפסח ובהלכות החג בזמנו (סנהדרין קא.): (כד) **אורח חיים למעלה למשכיל.** כמו שרפים עומדים ממעל לו (ישעיה ו ב), כלומר לפני החכם קשוטה ומוכנת אורח חיים:

**ביאור מקרא**

די פרייד וואס א קלוגער קינד ברענגט צו זיינע עלטערן, און די פארשעמונג וואס עס ברענגט זיי דער נארישער קינד. דער נאַר פריידט זיך מיט זיין נארישקייט, און פארקערט איז ביי דעם קלוגער. דער פארווירקליכונג פון א גוטע מחשבה איז נאר אויב ער וועט זיך פריער בעראטן מיט פיל ראטגעבער. די לויב פון דעם וואס רעדט מיט ווייכע רייד און ווייסט וואס צו זאגן אין דער ריכטיגער צייט. פאר דעם חכם איז אנגעגרייט דעם וועג פון לעבן וואס היט אים פון גיהנם.

(כ) **בֵּן חָכָם יְשַׂמַּח אָב.** א קלוגער זון דערפרייט דעם פאטער. **וּכְסִיל אָדָם בּוֹזֶה אִמּוֹ.** און א נארישער מענטש ברענגט שאנדע פאר זיין מוטער:

(כא) **אִוֶּלֶת שִׂמְחָה לַחֲסַר לֵב.** די נארישקייט וואס ער טוט, איז א פרייד ביי דעם וואס פעלט אים חכמה אין הארץ. **וְאִישׁ תְּבוּנָה יְיַשֶּׁר לָכֶת.** און א פארשטאנדיגער מענטש פריידט זיך, ווען ער גייט מיט גלייכקייט אין וועג:

(כב) **הָפֵר מַחֲשָׁבוֹת בְּאֵין סוֹד.** עס ווערט צעשטערט געדאנקען ווען מען בעראט זיך נישט צו פרעגן א עצה. **וּבְרֹב יוֹעֲצִים תָּקוּם.** און דורך פיל עצה געבער ווערט עס ביישטיין:

(כג) **שִׂמְחָה לָאִישׁ בְּמַעֲנֵה פִיו.** א פרייד איז פאר א מענטש די ווייכע רייד פון זיין מויל. **וְדָבָר בְּעִתּוֹ מַה טּוֹב.** און ווען א זאך איז אין זיין פאסיגע צייט, איז עס גוט:

(כד) **אֹרַח חַיִּים לְמַעְלָה לְמַשְׂכִּיל.** א וועג פון לעבן, איז אנגעגרייט פארן קלוגן. **לְמַעַן סוּר מִשְּׁאוֹל מָטָּה.** כדי ער זאל אפקערן פון דעם גרוב אונטן [דער גיהנם]:

## משנה

כלי אמצעי דת"ת דמלכות דיצירה צבאות

| רבינו עובדיה | משנה (כתובות פרק א) | מברטנורא |
| --- | --- | --- |
| (א) בתולה נשאת ליום רביעי. ולא בליל חמישי, | א בְּתוּלָה נִשֵּׂאת לְיוֹם הָרְבִיעִי, וְאַלְמָנָה לְיוֹם הַחֲמִישִׁי. שֶׁפַּעֲמַיִם בַּשַּׁבָּת בָּתֵּי דִינִין | דאיכא למיחש שמא יהיה טרוד בנישואים ולא מצי |

### ביאור משנה

**די** מסכת כתובות, וועלכע האָט דרייצן פרקים, לערנט די הלכות וועגן די כתובה. דאָס וואָרט "כתובה" איז פון לשון "כתב, שרייבן", דאָס מיינט די כתב, דעם געשריבענעם אָפמאַך, וואָס דער מאַן גיט פאַר די ווייב ווען ער האָט מיט איר חתונה, און אין די כתובה ווערט אָפגעשריבן אַלע התחייבות'ן, וואָס דער מאַן נעמט אויף זיך צו געבן פאַר זיין ווייב. די ערשטע התחייבות איז, אַז אויב דער מאַן וועט גט'ן זיין ווייב, אָדער ער וועט שטאַרבן, דאַרף זי באַקומען געלט. די חכמים האָבן מתקן געווען, אַז אויב ווען דער מאַן האָט חתונה געהאַט מיט זיין ווייב איז זי געווען אַ בתולה, באַקומט זי צוויי הונדערט דינרים פאַר די כתובה-געלט (די סומע-געלט ווערט אָנגערופן אין די משנה סתם "כתובה", דאָס מיינט די כתובה-געלט). און אויב זי איז נישט געווען קיין בתולה ביי די חתונה, איז די כתובה נאָר הונדערט דינרים. דער מאַן קען צולייגן צו די כתובה אויסער די דאָזיגע סומע, נאָך געלט וויפיל ער וויל, און דאָס הייסט "תוספת כתובה", דער צוגאָב צו די כתובה. אָבער ווייניגער פון צוויי הונדערט דינרים (מאתיים) פאַר אַ בתולה און פון הונדערט דינרים (מנה) פאַר נישט קיין בתולה, קען מען נישט געבן. נאָכמער, אפילו דער מאַן האָט נישט געשריבן קיין כתובה, דאַרף אויך זיין ווייב באַקומען די כתובה-געלט.

אין די כתובה ווערט אויך געשריבן אַנדערע התחייבות'ן פונעם מאַן, ווי למשל, אַז ער דאַרף איר געבן מזונות (עסן און קליידונג), ער דאַרף איר היילן אויב זי ווערט קראַנק, און ער דאַרף איר אויסלייזן פון געפענגעניש אויב זי ווערט געפאַנגען.

אין די צייט פון די משנה און די גמרא איז אויך געווען אַריינגעשריבן אין די כתובה "כתובת בנין דכרין" (די כתובה פון קינדער זכרים). דאָס איז געווען אויב דער מאַן האָט געהאַט עטליכע ווייבער, און ער האָט פון יעדער פון זיי געהאַט זין, האָט מען איינגעפירט, אַז ווען דער מאַן איז געשטאָרבן האָבן יעדע פון די זין קודם כל גענומען פון דער ירושה די כתובה פון זייער מוטער (אויב די מוטער האָט שוין אויך נישט געלעבט), און מיט די איבריגע ירושה האָבן זיי זיך נאָכדעם צעטיילט. למשל די כתובה פון איין ווייב איז געווען הונדערט דינרים און פון די אַנדערע ווייב צוויי הונדערט דינרים און פון דריטן ווייב דריי הונדערט דינרים, און דער מאַן איז געשטאָרבן (און אויך אַלע דריי ווייבער זענען שוין געווען געשטאָרבן) און ער האָט איבערגעלאָזט אַ ירושה פון טויזנט דינרים – נעמען די זין פון ערשטן ווייב דערפון הונדערט דינרים, און די זין פון צווייטן ווייב צוויי הונדערט דינרים, און די זין פון דריטן ווייב דריי הונדערט דינרים, און מיט די איבערגעבליבענע פיר הונדערט דינרים צעטיילן זיי זיך אַלע גלייך. אין די כתובה איז אויך געווען געשריבן, אַז די טעכטער וואָס וועלן איבערבלייבן אַלס מיידלעך, זאָלן בווערן אויסגעהאַלטן (מיט עסן און קליידונג) ביז זיי וועלן חתונה האָבן (מזונות הבנות).

אין מסכת כתובות ווערן אויך געלערנט נאָך אַנדערע הלכות (וועגן קנס פון אַ אונס ומפתה), ווי מיר וועלן שוין לערנען אין די פרקים ווי עס ווערן געלערנט די הלכות.

כדי בעסער צו פאַרשטיין די הלכות איז וויכטיג צו וויסן עטליכע ערקלערונגען וועגן ווערטער וואָס ווערן גענוצט דאָ אין די מסכת, און וועגן דער מנהג וואָס איז געווען איינגעפירט אין די צייטן פון די משנה. אין יענע צייטן איז געווען דער מנהג (נישט ווי היינט), אַז שוין בשעת די תנאים האָט דער חתן מקדש געווען די כלה, ער האָט איר געגעבן געלט (אָדער אַ שטר) און געזאָגט צו איר "הרי את מקודשת לי", דאָס האָט געהייסן אַז די כלה איז געוואָרן זיין "ארוסה", זיין ווייב "מן האירוסין" (די גאַנצע צייט ביז דער חתונה, ווען די כלה איז אַן ארוסה, איז זי געווען אין הויז פון אירע עלטערן), הערשט שפעטער (געוויינליך נאָך צוועלף חדשים) איז פאָרגעקומען די חתונה, דורך אַ חופה, און דער חתן האָט אַהיימגענומען זיין ווייב, און פון יעצט אָן הייסט די פרוי אַ "נשואה", אַ אינגאַנצן-חתונה-געהאַטע. דאָס איז דער חילוק צווישן אַן "ארוסה", און אַ "נשואה". "מארס זיין" הייסט "מקדש זיין". אויך אַן "ארוסה" הייסט אַ פאַרהייראַטע פרוי, אַן אשת איש, און זי האָט אַלע דינים פון אַן אשת איש, זי קען נישט חתונה האָבן נאָר ווען זי באַקומט אַ גט פונעם ערשטן מאַן אָדער ער שטאַרבט. אויב זי וואוינט מיט אַן אַנדערן מאַן ווען זי איז אַן ארוסה, הייסט עס ווי אַן אשת איש איז מזנה (אויסער די שטראָף וואָס איז יאָ אַנדערש) און אויב זי האָט עס געטון במזיד טאָר זי מער נישט וואוינען מיט איר מאַן, (און אויב דער מאַן איז אַ כהן טאָר ער מיט איר נישט וואוינען אפילו עס איז געווען באונס).

### משנה א

**בְּתוּלָה נִשֵּׂאת** אַ מיידל האָט חתונה **לְיוֹם הָרְבִיעִי**, צום פערטן טאָג [מיטוואָך], **וְאַלְמָנָה** און אַ אלמנה [האָט חתונה], **לְיוֹם הַחֲמִישִׁי**. צום פיפטן טאָג [דאָנערשטאָג] **שֶׁפַּעֲמַיִם בַּשַּׁבָּת** ווייל צוויי מאָל אין די וואָך **בָּתֵּי דִינִין**

רבינו עובדיה **משנה** (כתובות פרק א) מברטנורא

יוֹשְׁבִין בַּעֲיָרוֹת, בַּיּוֹם הַשֵּׁנִי וּבַיּוֹם הַחֲמִישִׁי, שֶׁאִם הָיָה לוֹ טַעֲנַת בְּתוּלִים, הָיָה מַשְׁכִּים לְבֵית דִּין: **ב** בְּתוּלָה, כְּתֻבָּתָהּ מָאתַיִם. וְאַלְמָנָה, מָנֶה. בְּתוּלָה אַלְמָנָה, גְּרוּשָׁה, וַחֲלוּצָה, מִן הָאֵרוּסִין, כְּתֻבָּתָן מָאתַיִם, וְיֵשׁ לָהֶן טַעֲנַת בְּתוּלִים. הַגִּיּוֹרֶת, וְהַשְּׁבוּיָה, וְהַשִּׁפְחָה שֶׁנִּפְדּוּ

בעיל: **שאם יש לו טענת בתולים**. כגון שיאמר בעלתי ולא מצאתי דם, לא שנא אם היא קטנה או נערה או בוגרת. או פתח פתוח מצאתי, אם היא קטנה או נערה, אבל בוגרת אין לה טענת פתח פתוח: **ישכים ויבא לב"ד**. בעוד כעסו עליו, שמא יתפייס ותתקרר דעתו ויקיימנה ושמא זנתה תחתיו והרי היא אסורה עליו. ובגמרא פריך ותנשא באחד בשבת ואם יש לו טענת בתולים ישכים ביום שני לבית דין. ומשני, שקדו חכמים על תקנת בנות ישראל שיהא טורח בסעודה שלשה ימים, אחד בשבת ושני בשבת ושלישי בשבת, וברביעי כונסה. ובזמן שאין בתי דינין יושבים בשני ובחמישי, אשה ניסאת בכל יום, והוא שטרח בסעודה שלשה ימים. ומפני תקנת עניים נוהגים בקצת מקומות ליסא בערב שבת. וטעמא דאלמנה ליום חמישי, שקדו חכמים על תקנת בנות ישראל שיהא שמח עמה שלשה ימים, חמישי בשבת וששי בשבת ושבת. והנושא את האלמנה אסור בעשיית מלאכה ג' ימים. והנושא את הבתולה כל שבעה. ולענין ברכת חתנים, בין בחור שנשא אלמנה בין אלמן שנשא בתולה מברכים ברכת חתנים כל שבעה ואלמן שנשא אלמנה, יום אחד: **(ב) בתולה אלמנה גרושה**. כלומר, בתולה שהיא אלמנה או גרושה או חלוצה מן האירוסין, וחזרה וניסאת, כתובתה מן השני מאתים: **ויש לה טענת בתולים**. אם לא מצא לה השני בתולים, אבדה

### ביאור משנה

**יוֹשְׁבִין בַּעֲיָרוֹת**, זיצן די בתי דינין [דאָס בית דין וואָס פסק'ענען דיני תורות] אין די שטעט, **בַּיּוֹם הַשֵּׁנִי** [דאָס איז] דעם צווייטן טאָג [מאָנטאָג] **וּבַיּוֹם הַחֲמִישִׁי**, און אין דעם פיפטן טאָג [דאָנערשטאָג], **שֶׁאִם הָיָה לוֹ** אַז אויב ער [דער מאַן] האָט געהאַט **טַעֲנַת בְּתוּלִים**, אַ טענה וועגן די בתולים, **הָיָה מַשְׁכִּים** זאָל ער קענען באַלד אינדערפרי גיין **לְבֵית דִּין**, צום בית דין, – די גמרא פרעגט, פאַרוואָס האָט מען נישט איינגעפירט אַז אַ מיידל זאָל קענען חתונה האָבן אויך זונטאָג, ווייל צומאָרגנס מאָנטאָג זיצט דאָך אויך אַ בית דין. און די גמרא ענטפערט, אַז די חכמים האָבן געוואָלט געבן צייט צוצוגרייטן צו דער חתונה סעודה דריי טעג, און שבת פאַר זונטאָג איז דאָך נישט מעגליך צוצוגרייטן. שפּעטער איז די תקנה אַז אַ מיידל זאָל חתונה האָבן מיטוואָך און אַן אלמנה דאָנערשטאָג, בטל געוואָרן:

### משנה ב

**בְּתוּלָה**, אַ בתולה [ווען זי האָט חתונה אַלס מיידל] **כְּתֻבָּתָהּ** איז איר כתובה [געלט, וואָס אויב דער מאַן גט איר, אָדער ער שטאַרבט פאַר איר באַקומט זי דאָס געלט] **מָאתַיִם**. צוויי הונדערט [דינרים], **וְאַלְמָנָה**, און אַ אלמנה [אויב זי האָט חתונה אַלס אלמנה], **מָנֶה**. [איז איר כתובה] הונדערט [דינרים]. **בְּתוּלָה** [אויב אַ פרוי איז געווען ביי די חתונה] אַ בתולה **אַלְמָנָה**, [כאָטש זי איז געווען] אַ אלמנה, **גְּרוּשָׁה**, אָדער אַ גרושה **וַחֲלוּצָה**, אָדער אַ חלוצה **מִן הָאֵרוּסִין**, פון די אירוסין [זי איז נאָר געווען מקודש צו אַ מאַן אָבער זי האָט נאָכנישט חתונה געהאַט], **כְּתֻבָּתָן** איז זייער כתובה [געלט] **מָאתַיִם**, צוויי הונדערט דינרים. – די משנה לערנט דאָ, אַז אויב אַ פרוי האָט שוין געהאַט אַ מאַן, אָבער זי האָט נאָכנישט מיט אים אינגאַנצן חתונה געהאַט, און זי איז געווען זיין פרוי נאָר דורך "אירוסין", ער האָט זי נאָר געהאַט מקדש געווען (זע אין די הקדמה צו דער מסכת), און איידער ער האָט חתונה געהאַט מיט איר, איז דער מאַן געשטאָרבן און זי איז געוואָרן אַן אלמנה, אָדער ער האָט איר גע'גט, אָדער ער איז געשטאָרבן אָן קינדער און זיין ברודער האָט איר געגעבן חליצה (זע אין מסכת יבמות), און דערנאָך האָט די פרוי חתונה געהאַט מיט אַ צווייטן מאַן, איז איר כתובה פון דעם צווייטן מאַן צוויי הונדערט דינרים. דער טעם איז, ווייל צו די חתונה מיט דעם צווייטן מאַן איז זי נאָך געווען אַ בתולה, ווייל דער ערשטער מאַן האָט נאָך מיט איר נישט געהאַט געוואוינט. **וְיֵשׁ לָהֶן** און עס איז דאָ ביי זיי [דער צווייטער מאַן קען האָבן] **טַעֲנַת בְּתוּלִים**. די טענה פון בתולים. – ווייל ער האָט דאָך חתונה געהאַט מיט זיי מיינענדיג אַז זיי זענען בתולות, און אויב שטעלט זיך אַרויס אַז זיי זענען נישט, קען ער זיי גט'ן און ער דאַרף נישט געבן די כתובה. **הַגִּיּוֹרֶת**, אַ גיורת [אַ פרוי וואָס האָט זיך מגייר געווען], **וְהַשְּׁבוּיָה**, אָדער אַ געפאַנגענע [אַ פרוי וואָס איז געווען געפאַנגען ביי גוים], **וְהַשִּׁפְחָה** אָדער אַ דינסט **שֶׁנִּפְדּוּ** וואָס [די געפאַנגענע] איז אויסגעלייזט געוואָרן,

### רבינו עובדיה

כתובתה, דמקח טעות הוא שהרי בחזקת בתולה נשאה: **(ג) שבא על הקטנה.** פחותה מבת שלש שנים ויום אחד שאין ביאתה ביאה: **וקטן.** פחות מבן תשע שאין ביאתו ביאה ובא על הגדולה: **ומוכת עץ.** שנתקע לה עץ באותו מקום: **כתובתן מאתים.** אם ניסאו סתם: **וחכמים**

### משנה (כתובות פרק א)

וְשֶׁנִּתְגַּיְּרוּ, וְשֶׁנִּשְׁתַּחְרְרוּ, פְּחוּתוֹת מִבְּנוֹת שָׁלֹשׁ שָׁנִים וְיוֹם אֶחָד, כְּתֻבָּתָן מָאתַיִם, וְיֵשׁ לָהֶן טַעֲנַת בְּתוּלִים: ג הַגָּדוֹל שֶׁבָּא עַל הַקְּטַנָּה, וְקָטָן שֶׁבָּא עַל הַגְּדוֹלָה, וּמֻכַּת עֵץ, כְּתֻבָּתָן מָאתַיִם, דִּבְרֵי רַבִּי מֵאִיר, וַחֲכָמִים אוֹמְרִים, מֻכַּת עֵץ, כְּתֻבָּתָהּ מָנֶה: ד בְּתוּלָה אַלְמָנָה, גְּרוּשָׁה, וַחֲלוּצָה, מִן הַנִּשּׂוּאִין, כְּתֻבָּתָן מָנֶה, וְאֵין לָהֶן טַעֲנַת בְּתוּלִים. הַגִּיּוֹרֶת, וְהַשְּׁבוּיָה, וְהַשִּׁפְחָה, שֶׁנִּפְדּוּ, וְשֶׁנִּתְגַּיְּרוּ, וְשֶׁנִּשְׁתַּחְרְרוּ, יְתֵרוֹת עַל בְּנוֹת שָׁלֹשׁ שָׁנִים וְיוֹם אֶחָד, כְּתֻבָּתָן מָנֶה, וְאֵין לָהֶן טַעֲנַת בְּתוּלִין:

### מברטנורא

**אומרים מוכת עץ כתובתה מנה.** והלכתא כוותייהו. ואפילו לא הכיר בה, כתובתה מנה, ולא הוי מקח טעות: **(ד) בתולה** שהיא **אלמנה או גרושה או חלוצה מן הנשואים.** אם חזרה וניסאת סתם, כתובתה מנה, דבחזקת בעולה קיימא משנכנסה לחופה:

## ביאור משנה

**וְשֶׁנִּתְגַּיְּרוּ**, און [די גיורת] האָט זיך מגייר געווען **וְשֶׁנִּשְׁתַּחְרְרוּ**, און [די דינסט] איז באַפרייט געוואָרן, **פְּחוּתוֹת** ווען זיי זענען געווען ווייניגער **מִבְּנוֹת שָׁלֹשׁ שָׁנִים** פון דריי יאָר אַלט **וְיוֹם אֶחָד**, און איין טאָג, [און זיי קומען יעצט חתונה האָבן], **כְּתֻבָּתָן מָאתַיִם**, איז זייער כתובה [געלט] צוויי הונדערט [דינרים], **וְיֵשׁ לָהֶן טַעֲנַת בְּתוּלִים**, און עס איז דאָ ביי זיי די טענה פון בתולים. – מיר זאָגן אַז אַ מיידל, וואָס איז געווען פריער אַ גוי'טע און דערנאָך האָט זי זיך מגייר געווען, אָדער זי איז געווען געפאַנגען און מען האָט איר אויסגעלייזט, אָדער זי איז געווען אַ דינסט און מען האָט איר באַפרייט, איז מסתמא נישט קיין בתולה. אָבער אויב זיי זענען געווען (ביים מגייר זיין, אָדער ביים אויסלייזן, אָדער ביים באַפרייען) יונגער פון דריי יאָר מיט אַ טאָג, איז אפילו איינער האָט זיי מאנס געווען, הייסן זיי ווייטער אַ בתולה (אַזוי זאָגט דער ר"ן) און וועגן דעם הייסן זיי צו די חתונה בתולות:

### משנה ג

**הַגָּדוֹל** אַן ערוואַקסענער [מאַן] **שֶׁבָּא** וואָס האָט געוואוינט **עַל הַקְּטַנָּה**, מיט אַ קטנה [יונגער פון דריי יאָר מיט אַ טאָג], **וְקָטָן** אָדער אַ קטן [יונגער פון ניין יאָר מיט אַ טאָג] **שֶׁבָּא** וואָס האָט געוואוינט **עַל הַגְּדוֹלָה**, מיט אַ גדולה, **וּמֻכַּת עֵץ**, און אַ צעקלאַפטע דורך אַ האָלץ [וואָס דורך דעם האָט זי פאַרלוירן די בתולים], **כְּתֻבָּתָן מָאתַיִם**, איז זייער כתובה געלט צוויי הונדערט דינרים, **דִּבְרֵי רַבִּי מֵאִיר**, אַזוי האַלט רבי מאיר, **וַחֲכָמִים אוֹמְרִים**, און די חכמים זאָגן **מֻכַּת עֵץ**, אַז אַ צעקלאַפטע דורך אַ האָלץ, **כְּתֻבָּתָהּ מָנֶה**, איז איר כתובה [נאָר] הונדערט דינרים. – די חכמים האַלטן, אַז אַ מוכת עץ הייסט נישט קיין בתולה:

### משנה ד

**בְּתוּלָה אַלְמָנָה**, [אויב אַ פרוי איז געווען ביי די צווייטע מאָל חתונה האָבן] אַ בתולה און אַן אלמנה [פון ערשטן מאַן], **גְּרוּשָׁה**, אָדער אַ גרושה, **וַחֲלוּצָה**, אָדער אַ חלוצה, **מִן הַנִּשּׂוּאִין**, פון נאָך די חתונה [מיטן ערשטן מאַן], **כְּתֻבָּתָן מָנֶה**, איז זייער כתובה געלט הונדערט דינרים, **וְאֵין לָהֶן** און עס איז נישט דאָ ביי זיי **טַעֲנַת בְּתוּלִים**. קיין טענה פון בתולים. – די גמרא ברענגט אַ ברייתא, אַז דאָ רעדט מען אַז אפילו זי איז מיטן ערשטן מאַן נאָר געווען אונטער די חופה אָדער אפילו זי איז געווען אין יחוד שטיבל אַליין מיטן ערשטן מאַן, אָבער נישט גענוג לאַנג, פונדעסטוועגן ווערט זי שוין פאַררעכנט פאַר אַ געהעריגע חתונה געהאַטע, און ווען זי האָט חתונה מיט אַ צווייטן מאַן (נאָכדעם ווי זי איז געוואָרן אַן אלמנה אָדער אַ גרושה אָדער אַ חלוצה פון ערשטן מאַן) קומט איר די כתובה נאָר הונדערט דינרים, און דער צווייטער מאַן קען נישט האָבן קיין טענת בתולים. **הַגִּיּוֹרֶת**, אַ גיורת, **וְהַשְּׁבוּיָה**, אָדער אַ געפאַנגענע **וְהַשִּׁפְחָה**, אָדער אַ דינסט, **שֶׁנִּפְדּוּ**, וואָס [די געפאַנגענע] איז אויסגעלייזט געוואָרן **וְשֶׁנִּתְגַּיְּרוּ**, און וואָס [די גוי'טע] האָט זיך מגייר געווען, **וְשֶׁנִּשְׁתַּחְרְרוּ**, און וואָס [די דינסט] איז באַפרייט געוואָרן **יְתֵרוֹת עַל בְּנוֹת שָׁלֹשׁ שָׁנִים** ווען זיי זענען אַלט געווען מער ווי דריי יאָר **וְיוֹם אֶחָד**, און איין טאָג, **כְּתֻבָּתָן מָנֶה**, איז זייער כתובה הונדערט דינרים, **וְאֵין לָהֶן טַעֲנַת בְּתוּלִין**, און עס איז נישט דאָ ביי זיי קיין טענה פון בתולים. – ווי מיר האָבן ערקלערט פריער אין משנה ב' ווערן אַזעלכע פרויען באַטראַכט נישט ווי קיין בתולות, ווייל מיר זאָגן אַז עס קען זיין אַז מען האָט געוואוינט מיט זיי:

## משנה (כתובות פרק א)

ה הָאוֹכֵל אֵצֶל חָמִיו בִּיהוּדָה שֶׁלֹּא בְעֵדִים, אֵינוֹ יָכוֹל לִטְעוֹן טַעֲנַת בְּתוּלִים, מִפְּנֵי שֶׁמִּתְיַחֵד עִמָּהּ. אַחַת אַלְמְנַת יִשְׂרָאֵל וְאַחַת אַלְמְנַת כֹּהֵן, כְּתֻבָּתָן מָנֶה. בֵּית דִּין שֶׁל כֹּהֲנִים הָיוּ גוֹבִין לַבְּתוּלָה אַרְבַּע מֵאוֹת זוּז, וְלֹא מִחוּ בְיָדָם חֲכָמִים: ו הַנּוֹשֵׂא אֶת הָאִשָּׁה וְלֹא מָצָא לָהּ בְּתוּלִים, הִיא אוֹמֶרֶת, מִשֶּׁאֵרַסְתַּנִי נֶאֱנַסְתִּי, וְנִסְתַּחֲפָה שָׂדְךָ. וְהַלָּה אוֹמֵר, לֹא כִי אֶלָּא עַד שֶׁלֹּא אֵרַסְתִּיךְ, וְהָיָה מִקָּחִי מֶקַּח טָעוּת, רַבָּן גַּמְלִיאֵל וְרַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמְרִים, נֶאֱמֶנֶת. רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אוֹמֵר, לֹא מִפִּיהָ אָנוּ חַיִּין, אֶלָּא הֲרֵי זוֹ בְּחֶזְקַת בְּעוּלָה עַד שֶׁלֹּא תִתְאָרֵס,

### רבינו עובדיה

**(ה) האוכל אצל חמיו ביהודה.** כשהיו עושין סעודת אירוסין בבית אבי הכלה ביהודה, היו נוהגים שהארוס מתייחד עם ארוסתו כדי שיהא לבו גס בה, לפיכך כשנישאת אחר כך אין לו טענת בתולים: **(ו) ונסתחפה שדך.** מטר סוחף בא על שדך והפסידה, כלומר מזלך גרם ותן לי

### מברטנורא

כתובתי: **והיה מקחי מקח טעות.** ואין לך כתובה ממני: **נאמנת.** ומשביעין אותה שבועת היסת שכן הוא כדבריה, ותטול כתובתה. וכן הלכה. ואי אמרה בתולה מנאני, אינה נאמנת, דהימנוהו רבנן לבעל ואפילו בלא שבועה, דחזקה אין אדם טורח בסעודה ומפסידה:

### ביאור משנה

#### משנה ה

**הָאוֹכֵל** אַז איינער [אַ חתן, וואָס האָט נאָר מקדש געווען זיין כלה, און נאָכנישט חתונה געהאַט, און ער] עסט **אֵצֶל חָמִיו** ביי זיין שווער [די קידושין סעודה, די סעודה פון אירוסין], **בִּיהוּדָה** אין [די פלאַץ] יהודה, **שֶׁלֹּא בְעֵדִים**, אָן עדות, **אֵינוֹ יָכוֹל לִטְעוֹן** קען ער נישט טענה'ן **טַעֲנַת בְּתוּלִים**, קיין טענה פון בתולים, **מִפְּנֵי שֶׁמִּתְיַחֵד עִמָּהּ.** ווייל ער [דער חתן] איז זיך מתייחד מיט איר. – דער ענין ווערט דערמאַנט אויך אין מסכת יבמות (פרק ד' משנה י'). דער פראָווינץ אין צפון ארץ ישראל הייסט "גליל", און דער פראָווינץ אין דרום ארץ ישראל הייסט "יהודה". אין יהודה איז געווען דער מנהג, אַז שוין נאָך די קידושין (נאָך איידער זיי האָבן פולשטענדיג חתונה געהאַט) פלעגן חתן כלה זיין אַליין אין אַ באַזונדערן צימער, כדי זיי זאָלן ווערן היימיש, (שיהא לבו גס בה). וועגן דעם זאָגן מיר אַז עס קען זיין אַז ער האָט שוין געוואוינט מיט איר. **אַחַת אַלְמְנַת יִשְׂרָאֵל** סיי אַן אלמנה אַ ישראל [זי איז געווען אַ בת ישראל] **וְאַחַת אַלְמְנַת כֹּהֵן,** און סיי אַן אלמנה אַ כהן [זי איז געווען אַ בת כהן, וועלכע האָבן חתונה אַ צווייטן מאָל] **כְּתֻבָּתָן מָנֶה.** איז זייער כתובה הונדערט דינרים. – די משנה לערנט דאָס, ווייל באַלד וועט מען לערנען אַז ביי אַ בתולה איז יאָ געווען אַ חילוק. **בֵּית דִּין שֶׁל כֹּהֲנִים** דאָס בית דין פון כהנים **הָיוּ גוֹבִין** פלעגן מאָנען **לַבְּתוּלָה** פאַר אַ בתולה [אַ בת כהן] **אַרְבַּע מֵאוֹת זוּז,** פיר הונדערט זוז, **וְלֹא מִחוּ בְיָדָם חֲכָמִים.** און די חכמים האָבן זיי נישט געשטערט. – די כהנים האָבן באַטראַכט זייערע טעכטער פאַר מער יחסנים און האָבן איינגעמאָנט ביי אַ סתם כתובה פיר הונדערט דינרים:

#### משנה ו

**הַנּוֹשֵׂא אֶת הָאִשָּׁה** אַז איינער האָט חתונה מיט אַ פרוי **וְלֹא מָצָא לָהּ בְּתוּלִים,** און ער האָט נישט געטראָפן צו איר קיין בתולים, **הִיא אוֹמֶרֶת,** זי זאָגט, **מִשֶּׁאֵרַסְתַּנִי** נאָכדעם ווי דו האָסט מיר שוין מקדש געווען **נֶאֱנַסְתִּי,** בין איך נאנס געוואָרן, **וְנִסְתַּחֲפָה שָׂדְךָ.** און דיין פעלד איז פאַרפלייצט געוואָרן [דאָס הייסט, דיין מזל האָט גורם געווען אַז איך זאָל נישט זיין קיין בתולה]. **וְהַלָּה אוֹמֵר,** און ער [דער מאַן] זאָגט, **לֹא כִי** ניין, עס איז נישט אַזוי געווען, **אֶלָּא** נאָר **עַד שֶׁלֹּא אֵרַסְתִּיךְ,** איידער איך האָב דיר מקדש געווען [האָט מען דיר מאנס געווען], **וְהָיָה מִקָּחִי** און מיין קויף [דאָס נעמען דיר פאַר אַ ווייב] איז געווען **מֶקַּח טָעוּת,** אַ קויף דורך אַ טעות, **רַבָּן גַּמְלִיאֵל וְרַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמְרִים,** רבן גמליאל און רבי אליעזר זאָגן, **נֶאֱמֶנֶת.** אַז זי איז באַגלייבט. – דער מאַן וויל געבן דער פרוי אַ גט אויף די טענה, אַז זי האָט אים אָפּגענאַרט זאָגנדיג אַז זי איז אַ בתולה צו די קידושין, און ער וויל איר נישט געבן דאָס כתובה געלט, ווייל דער "קויף", דאָס נעמען איר אַלס פרוי איז געווען אַן אָפּגענאַרטע זאַך, אַ מקח טעות. אָבער זי טענה'ט, אַז נאָכדעם וואָס זי איז שוין געווען זיין פרוי דורך קידושין האָט מען איר מאנס געווען, און זיין "פעלד", דאָס הייסט, זיין ווייב, איז געוואָרן געשעדיגט, און אויב ער וויל איר גט'ן קומט איר די כתובה. זאָגן רבן גמליאל און רבי אליעזר, אַז זי איז באַגלייבט, און עס קומט איר די כתובה. די ווערטער "נסתחפה שדך", "עס איז קאַליע געוואָרן דיין פעלד", איז פון לשון (משלי כ"ח, ג) "מטר סוחף" אַ פאַרפלייצנדער רעגן, און עס הייסט, אַז דאָס פעלד איז געוואָרן פאַרפלייצט. **רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אוֹמֵר,** רבי יהושע זאָגט, **לֹא מִפִּיהָ אָנוּ חַיִּין,** נישט פון איר מויל לעבן מיר [מיר פאַרלאָזן זיך נישט אויף אירע ווערטער], **אֶלָּא הֲרֵי זוֹ בְּחֶזְקַת בְּעוּלָה** נאָר זי איז אין די חזקה אַז זי איז געווען אַ בעולה **עַד שֶׁלֹּא תִתְאָרֵס,** איידער מען האָט איר מקדש געווען,

## מִשְׁנָה (כתובות פרק א)

וְהִטְעַתּוּ, עַד שֶׁתָּבִיא רְאָיָה לִדְבָרֶיהָ: **ז** הִיא אוֹמֶרֶת מֻכַּת עֵץ אֲנִי, וְהוּא אוֹמֵר, לֹא כִי, אֶלָּא דְּרוּסַת אִישׁ אַתְּ, רַבָּן גַּמְלִיאֵל וְרַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמְרִים, נֶאֱמֶנֶת. וְרַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אוֹמֵר, לֹא מִפִּיהָ אָנוּ חַיִּין, אֶלָּא הֲרֵי זוֹ בְּחֶזְקַת דְּרוּסַת אִישׁ, עַד שֶׁתָּבִיא רְאָיָה לִדְבָרֶיהָ: **ח** רָאוּהָ מְדַבֶּרֶת עִם אֶחָד בַּשּׁוּק אָמְרוּ לָהּ מַה טִּיבוֹ שֶׁל זֶה. אִישׁ פְּלוֹנִי וְכֹהֵן הוּא, רַבָּן גַּמְלִיאֵל וְרַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמְרִים, נֶאֱמֶנֶת. וְרַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אוֹמֵר, לֹא מִפִּיהָ אָנוּ חַיִּין, אֶלָּא הֲרֵי זוֹ בְּחֶזְקַת בְּעוּלָה לְנָתִין וּלְמַמְזֵר, עַד שֶׁתָּבִיא רְאָיָה לִדְבָרֶיהָ: **ט** הָיְתָה מְעֻבֶּרֶת, וְאָמְרוּ לָהּ מַה טִּיבוֹ שֶׁל עֻבָּר זֶה.

### רבינו עובדיה

(ז) **דרוסת איש.** בעולת איש: **נאמנת.** ולא הפסידה כתובתה. ומכל מקום אי אשת כהן היא ולאחר זמן האירוסין כשנשאה טען דרוסת איש את, מפקינן לה מיניה, דשמא לאחר שארס אותה נבעלה, ומכי אמר דרוסת איש את שויה אנפשיה חתיכה דאיסורא.

### מברטנורא

ואפילו נבעלה באונס, הא קיי"ל אשת כהן שנאנסה אסורה לבעלה. ומגרש לה ויהיב לה כתובתה: (ח) **מדברת.** מתיחדת: **וכהן הוא.** מיוחס: **נאמנת.** כשירה לכהונה: (ט) **מה טיבו של עובר זה וכו'.** רבן גמליאל אומר נאמנת, וכשרים לכהונה היא

## ביאור משנה

**וְהִטְעַתּוּ**, און זי האָט אים אָפּגענאַרט, **עַד שֶׁתָּבִיא רְאָיָה לִדְבָרֶיהָ**, ביז זי וועט ברענגען אַ ראיה צו אירע ווערטער [אַז מען האָט איר מאנס געווען שוין נאָך די קידושין]. – לויט רבי יהושע קומט איר נישט די כתובה. דער אויסדרוק "לא מפיה אנו חיין", "נישט פון איר מויל לעבן מיר", מיינט, אַז מיר גלייבן נישט אירע ווערטער:

### משנה ז

**הִיא אוֹמֶרֶת** [אויב דער מאַן האָט ביי די חתונה נישט געטראָפן קיין בתולים און] זי זאָגט **מֻכַּת עֵץ אֲנִי**, איך בין צעקלאַפּט געוואָרן דורך אַ האָלץ, **וְהוּא אוֹמֵר**, און ער [דער מאַן] זאָגט **לֹא כִי** ניין, עס איז נישט אַזוי [ווי דו זאָגסט] **אֶלָּא** נאָר **דְּרוּסַת אִישׁ אַתְּ**, דו ביזט צעטראָטן געוואָרן דורך אַ מאַן, **רַבָּן גַּמְלִיאֵל וְרַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמְרִים**, רבן גמליאל און רבי אליעזר זאָגן, **נֶאֱמֶנֶת**. אַז זי איז באַגלייבט, – און אויב ער וויל איר גט'ן דאַרף ער איר געבן די כתובה געלט פון אַ מנה **וְרַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אוֹמֵר**, און רבי יהושע זאָגט **לֹא מִפִּיהָ אָנוּ חַיִּין**, נישט פון איר מויל לעבן מיר, **אֶלָּא הֲרֵי זוֹ בְּחֶזְקַת דְּרוּסַת אִישׁ**, נאָר זי איז אין די חזקה פון אַ צעטראָטענע דורך אַ מאַן, **עַד שֶׁתָּבִיא רְאָיָה לִדְבָרֶיהָ**, ביז זי וועט ברענגען אַ ראיה צו אירע ווערטער. – דער ברטנורא ברענגט, אַז אַפילו לויט רבן גמליאל און רבי אליעזר, וועלכע האַלטן אַז זי איז באַגלייבט, דאָס איז נאָר אַז ער דאַרף איר געבן די כתובה געלט, אויב אָבער ער איז אַ כהן, טאָר ער נישט וואוינען מיט איר און ער דאַרף איר גט'ן. ווייל אויב ער טענה'ט אַז זי האָט געוואוינט מיט אַ פרעמדן מאַן, און עס קען דאָך זיין אַז דאָס איז געווען שוין נאָך די קידושין, טאָר ער מיט איר נישט וואוינען אפילו ווען דאָס וואָלט פאָרגעקומען באונס, ווייל אויב אַ פרוי פון אַ כהן האָט געלעבט מיט אַ פרעמדן מאַן אפילו באונס, טאָר שוין איר מאַן מיט איר נישט וואוינען:

### משנה ח

**רָאוּהָ** אויב מען האָט איר געזען [דאָס מיידל] **מְדַבֶּרֶת עִם אֶחָד** רעדן מיט איינעם **בַּשּׁוּק** אין די גאַס **אָמְרוּ לָהּ** האָט מען איר געפרעגט **מַה טִּיבוֹ שֶׁל זֶה**. ווער איז דאָס. **אִישׁ פְּלוֹנִי** [האָט זי געענטפערט] דאָס איז דער מענטש **וְכֹהֵן הוּא**, און ער איז אַ כשר'ער מאַן, **רַבָּן גַּמְלִיאֵל וְרַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמְרִים**, רבן גמליאל און רבי אליעזר זאָגן, **נֶאֱמֶנֶת**. אַז זי איז באַגלייבט. – דער דין איז אַז אויב אַ מיידל, האָט געוואוינט מיט אַ פסול'ן מאַן, למשל מיט אַ ממזר אָדער מיט אַ נתין (זע וועגן דעם אין מסכת יבמות פרק ב' משנה ד'), טאָר זי נישט חתונה האָבן מיט אַ כהן. די גמרא זאָגט, אַז דאָס וואָרט "מדברת", "זי רעדט" מיט איינעם, מיינט אַז זי האָט זיך מייחד געווען מיט אים, געווען מיט אים אַליין אין אַ פלאַץ, דאָס הייסט, אַז מען האָט געזען אין גאַס, ווי זי איז אַריינגעגאַנגען מיט אים אין אַ פאַרבאָרגן פלאַץ, און דאָס מיידל זאָגט, אַז דער מאַן איז אַ כשר'ער מאַן, זאָגן רבן גמליאל און רבי אליעזר, אַז מען גלייבט איר, און זי מעג חתונה האָבן מיט אַ כהן. **וְרַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אוֹמֵר**, און רבי יהושע זאָגט **לֹא מִפִּיהָ אָנוּ חַיִּין**, נישט פון איר מויל לעבן מיר, **אֶלָּא הֲרֵי זוֹ בְּחֶזְקַת בְּעוּלָה** נאָר זי איז אין די חזקה פון אַ בעולה **לְנָתִין וּלְמַמְזֵר**, צו אַ נתין און צו אַ ממזר, **עַד שֶׁתָּבִיא רְאָיָה לִדְבָרֶיהָ**, ביז זי וועט ברענגען אַ ראיה צו אירע ווערטער. – נאָר ווען זי ברענגט אַ ראיה, אַז יענער מאַן איז טאַקע אַ כשר'ער, מעג זי חתונה האָבן מיט אַ כהן, לויט רבי יהושע:

### משנה ט

**הָיְתָה מְעֻבֶּרֶת**, אויב זי [אַ מיידל] איז געווען מעוברת, **וְאָמְרוּ לָהּ** און מען האָט איר געפרעגט **מַה טִּיבוֹ שֶׁל עֻבָּר זֶה**. ווער

רבינו עובדיה **משנה** (כתובות פרק א) מברטנורא

ובתה. אבל לענין ירושה לא אמר רבן גמליאל שזה העובר יירשנו. והלכה כרבן גמליאל בכל הני בבי דמתניתין. ואפילו הכי לכתחילה לא תנשא לכהונה לא המדברת עם אחד ולא המעוברת, אלא אם כן היו רוב אנשי העיר מיוחסים ונבעלה זאת האשה מאחד מהם שפירש חוץ לעיר ובעל, דאמרינן כל דפריש מרובא פריש, ואז תנשא לכתחלה לכהונה בין היא בין בתה: **(י) אם רוב העיר משיאין לכהונה.** אע"ג דרובא חד סגי בעלמא, מעלה עשו ביוחסין, והכא אצרכוה רבנן תרי רובי, רוב סיעה העוברת שם ורוב העיר. ואין משיאין לכתחלה לכהונה אלא בתרי רובי, וכן הלכה:

מֵאִישׁ פְּלוֹנִי וְכֹהֵן הוּא, רַבָּן גַּמְלִיאֵל וְרַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמְרִים, נֶאֱמֶנֶת. רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אוֹמֵר, לֹא מִפִּיהָ אָנוּ חַיִּין, אֶלָּא הֲרֵי זוֹ בְחֶזְקַת מְעֻבֶּרֶת לְנָתִין וּלְמַמְזֵר, עַד שֶׁתָּבִיא רְאָיָה לִדְבָרֶיהָ: י אָמַר רַבִּי יוֹסֵי, מַעֲשֶׂה בְתִינוֹקֶת שֶׁיָּרְדָה לְמַלְּאוֹת מַיִם מִן הָעַיִן, וְנֶאֶנְסָה, אָמַר רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן נוּרִי, אִם רֹב אַנְשֵׁי הָעִיר מַשִּׂיאִין לַכְּהֻנָּה, הֲרֵי זוֹ תִּנָּשֵׂא לַכְּהֻנָּה:

### ביאור משנה

איז דער עובר [ווער איז זיין פאָטער]. **מֵאִישׁ פְּלוֹנִי** [און זי האָט געענטפערט] אַז ער איז פון יענעם מענטש **וְכֹהֵן הוּא**, און ער איז אַ כהן, **רַבָּן גַּמְלִיאֵל וְרַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמְרִים**, רבן גמליאל און רבי אליעזר זאָגן, **נֶאֱמֶנֶת**. אַז זי איז באַגלייבט. **רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אוֹמֵר**, רבי יהושע זאָגט, **לֹא מִפִּיהָ אָנוּ חַיִּין**, נישט פון איר מויל לעבן מיר, **אֶלָּא הֲרֵי זוֹ בְחֶזְקַת מְעֻבֶּרֶת** נאָר זי איז אין די חזקה פון אַ מעוברת **לְנָתִין וּלְמַמְזֵר**, פון אַ נתין אָדער פון אַ ממזר, **עַד שֶׁתָּבִיא רְאָיָה לִדְבָרֶיהָ**, [ביז זי וועט ברענגען אַ ראיה צו אירע ווערטער]. – די גמרא זאָגט, אַז אפילו לויט רבן גמליאל און רבי אליעזר מעג זי (לכתחילה) חתונה האָבן מיט אַ כהן נאָר אויב רוב מענטשן פון דער שטאָט זענען כשר'ע, און נאָר ווען זי האָט זיך מייחד געווען מיט דעם מאַן אויסער די שטאָט, ווייל דער כלל איז דאָך אַז "כל דפריש מרובא פריש", ווען איינער טיילט זיך אָפּ, גייט אַוועק פון אַ כלל (פון אַסאַך מענטשן), זאָגן מיר אַז ער איז איינער פון דעם רוב פון דעם כלל, דאָס הייסט אַז ער באַלאַנגט צו דער מערהייט, און נישט צו דער מינדערהייט:

### משנה י

**אָמַר רַבִּי יוֹסֵי**, האָט רבי יוסי געזאָגט, **מַעֲשֶׂה** עס איז געווען אַ מעשה **בְתִינוֹקֶת** מיט אַ קליין מיידל **שֶׁיָּרְדָה** וואָס איז אַראָפּגעגאַנגען **לְמַלְּאוֹת מַיִם** אָנצושעפּן וואַסער **מִן הָעַיִן**, פונעם קוואַל, **וְנֶאֶנְסָה**, און זי איז נאנס געוואָרן, **אָמַר רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן נוּרִי**, האָט רבי יוחנן בן נורי געזאָגט, **אִם רֹב אַנְשֵׁי הָעִיר** אויב רוב מענטשן פון די שטאָט **מַשִּׂיאִין לַכְּהֻנָּה**, מאַכן חתונה [זייערע טעכטער און אלמנות] צו כהנים, **הֲרֵי זוֹ תִּנָּשֵׂא לַכְּהֻנָּה**, מעג זי [דאָס מיידל] חתונה האָבן צו אַ כהן. – ווייל מיר זאָגן אַז דער מענטש איז געווען פון דער רוב כשר'ע. עס מוזן זיין כשר צו כהונה סיי דער רוב איינוואוינער פון די שטאָט, און סיי דער רוב מענטשן וואָס זענען דעמאָלטס פאַרבייגעפאָרן דורך די שטאָט:

## גמרא

הלכה ה' כלה כלי החיצון דת"ת דמלכות דבריאה השתפא

**גמרא** (כתובות דף ה' ע"א)

דָּרַשׁ בַּר קַפָּרָא, גְּדוֹלִים מַעֲשֵׂה צַדִּיקִים יוֹתֵר מִמַּעֲשֵׂה שָׁמַיִם וָאָרֶץ, דְּאִילּוּ בְּמַעֲשֵׂה שָׁמַיִם וָאָרֶץ כְּתִיב (ישעיה מח) אַף יָדִי יָסְדָה אֶרֶץ וִימִינִי טִפְּחָה שָׁמָיִם,

רש"י

**גדולים מעשה צדיקים ממעשה יצירת שמים וארץ.** ומשום בר קפרא נקט לה דאיירי לעיל באגדה: **אף ידי.** חלא יד:

### ביאור גמרא

**דָּרַשׁ בַּר קַפָּרָא** בר קפרא האט גע'דרש'נט **גְּדוֹלִים מַעֲשֵׂה צַדִּיקִים יוֹתֵר מִמַּעֲשֵׂה שָׁמַיִם וָאָרֶץ** די מעשים פון די צדיקים זענען גרעסער ווי דאס באשאפן הימל און ערד **דְּאִילּוּ בְּמַעֲשֵׂה שָׁמַיִם וָאָרֶץ כְּתִיב** ווייל ביי דעם באשאפן פון הימל און ערד שטייט אין פסוק (ישעיה מח, יג) **אַף יָדִי יָסְדָה אָרֶץ וִימִינִי טִפְּחָה שָׁמָיִם** אויך מיין האנט האט באשאפן די ערד און מיין רעכטע האנט האט געמאסטן דעם הימל, – דאס הייסט אז זיי זענען באשאפן

**רש"י**

מקדש. מעשה ידי צדיקים היא: **והכי קאמר**. האי מעשה ידיו במעשה הצדיקים כתיב שקרוין מעשה שלהם מעשה ידיו של הקדוש ברוך הוא, והכי קאמר ומעשה ידיו דהוא מעשה הצדיקים מגיד הרקיע, שהרקיע מעיד עליהם לבריות שהם צדיקים שמתפללין על הגשמים ומטר יורד: **יתד**. קביליי״ בלע״ז: **יניח אצבעו**. שהוא שפוייה כיתד: **מאי טעמא**. כלומר במאי דומות כיתידות: **אי נימא דמחלקן**. שמחולקות זו מזו ואינן מחוברות יחד: **חדא חדא למילתיה**.

**גמרא** (כתובות דף ה׳ ע״א)

וְאִילּוּ בְּמַעֲשֵׂה יְדֵיהֶם שֶׁל צַדִּיקִים כְּתִיב (שמות טו) מָכוֹן לְשִׁבְתְּךָ פָּעַלְתָּ ה׳ מִקְּדָשׁ ה׳ כּוֹנְנוּ יָדֶיךָ. הֵשִׁיב בַּבְלִי אֶחָד וְרַבִּי חִיָּיא שְׁמוֹ, (תהלים צה) וְיַבֶּשֶׁת יָדָיו יָצָרוּ, יָדוֹ כְּתִיב. וְהָכְתִיב יָצָרוּ, אָמַר רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק, יָצְרוּ אֶצְבְּעוֹתָיו, כְּדִכְתִיב (שם ח) כִּי אֶרְאֶה שָׁמֶיךָ מַעֲשֵׂה אֶצְבְּעֹתֶיךָ יָרֵחַ וְכוֹכָבִים אֲשֶׁר כּוֹנַנְתָּה. מֵתִיבֵי, (שם יט) הַשָּׁמַיִם מְסַפְּרִים כְּבוֹד אֵל וּמַעֲשֵׂה יָדָיו מַגִּיד הָרָקִיעַ. הָכִי קָאָמַר, מַעֲשֵׂה יְדֵיהֶם שֶׁל צַדִּיקִים מִי מַגִּיד, הָרָקִיעַ, וּמַאי נִיהוּ, מָטָר. דָּרַשׁ בַּר קַפָּרָא, מַאי דִּכְתִיב (דברים כג) וְיָתֵד תִּהְיֶה לְךָ עַל אֲזֵנֶךָ, אַל תִּקְרֵי אֲזֵנֶךָ אֶלָּא עַל אוֹזְנֶךָ, שֶׁאִם יִשְׁמַע אָדָם דָּבָר שֶׁאֵינוֹ הָגוּן יַנִּיחַ אֶצְבָּעוֹ בְּאָזְנָיו. וְהַיְינוּ דְּאָמַר רַבִּי אֶלְעָזָר, מִפְּנֵי מָה אֶצְבְּעוֹתָיו שֶׁל אָדָם דּוֹמוֹת לִיתֵדוֹת, מַאי טַעֲמָא, אִילֵימָא מִשּׁוּם דִּמְחַלְּקָן, כָּל חֲדָא וַחֲדָא לְמִילְתֵיהּ עֲבִידָא, דְּאָמַר מַר

**ביאור גמרא**

געוואָרן נאר מיט איין האנט **וְאִילּוּ בְּמַעֲשֵׂה יְדֵיהֶם שֶׁל צַדִּיקִים כְּתִיב** און וועגן די מעשים פון די צדיקים שטייט אין פסוק (שמות טו, יז) **מָכוֹן לְשִׁבְתְּךָ פָּעַלְתָּ ה׳ מִקְּדָשׁ ה׳ כּוֹנְנוּ יָדֶיךָ** אַן ארט צו באזעצן זיך, האסטו השי״ת באשאפן, און דעם בית המקדש, – וואס דאס זענען די מעשה ידיהם פון די צדיקים האסטו מיטביידע הענט אויפגעבויעט.

זאגט די גמרא **הֵשִׁיב בַּבְלִי אֶחָד** האט איינער פון בבל געפרעגט **וְרַבִּי חִיָּיא שְׁמוֹ** און זיין נאמען איז רבי חייא, עס שטייט דאך אין פסוק (תהלים צה, ה) **וְיַבֶּשֶׁת יָדָיו יָצָרוּ** און די טריקעניש האבן זיינע "הענט" באשאפן (רעדט זיך דאך וועגן צוויי הענט). ענטפערט די גמרא **יָדוֹ כְּתִיב** אין פסוק שטייט "ידו" (אן א יו״ד, א לשון יחיד).

פרעגט די גמרא **וְהָכְתִיב יָצָרוּ** אין פסוק שטייט דאך "יצרו" (א לשון רבים) "זיי" האבן באשאפן. – ענטפערט די גמרא **אָמַר רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק** האט רב נחמן בר יצחק געזאגט **יָצְרוּ** דאס ווארט "יצרו" דער לשון רבים, באציט זיך **אֶצְבְּעוֹתָיו** אויף די פינגער פון די הענט **כְּדִכְתִיב** אזוי ווי ס׳שטייט אין פסוק (תהלים ח, ד) **כִּי אֶרְאֶה שָׁמֶיךָ מַעֲשֵׂה אֶצְבְּעֹתֶיךָ יָרֵחַ וְכוֹכָבִים אֲשֶׁר כּוֹנָנְתָּה** ווען איך זע דיינע הימלען וואס דיינע פינגער האבן געמאכט, די לבנה און שטערן וואס דו השי״ת האסט באשאפן.

זאגט די גמרא **מֵיתִיבֵי** איך וועל דיר פרעגן א קשיא, עס שטייט אין פסוק (שם יט, ב) **הַשָּׁמַיִם מְסַפְּרִים כְּבוֹד אֵל וּמַעֲשֵׂה יָדָיו מַגִּיד הָרָקִיעַ** די הימלען דערציילן דעם כבוד פון השי״ת און – די לויב פון וואס זיינע הענט האבן געמאכט זאגט דער הימל וואס הייסט רקיע, – ווערט דאך דארט אויך דערמאנט "ידיו" (א לשון רבים).

ענטפערט די גמרא **הָכִי קָאָמַר** דער פסוק מיינט אזוי צו זאגן, – אז די ווערטער "מעשה ידיו" באציען זיך אויף די צדיקים **מַעֲשֵׂה יְדֵיהֶם שֶׁל צַדִּיקִים** די מעשים פון די צדיקים **מִי מַגִּיד** ווער דערציילט דאס **הָרָקִיעַ** דער הימל **וּמַאי נִיהוּ** און וואס איז דאס **מָטָר** וואס די צדיקים זענען מתפלל און אין זייער זכות קומט דער רעגן.

**דָּרַשׁ בַּר קַפָּרָא** בר קפרא האט גע׳דרש׳נט **מַאי דִּכְתִיב** וואס מיינט דאס וואס שטייט אין פסוק (דברים כג, יד) **וְיָתֵד תִּהְיֶה לְךָ עַל אֲזֵנֶךָ** דו זאלסט האבן א נאגל צווישן דיינע כלים וואס דו באניצט זיך, האט בר קפרא גע׳דרש׳נט **אַל תִּקְרֵי אֲזֵנֶךָ אֶלָּא עַל אוֹזְנֶךָ** זאלסט דאס ווארט נישט ליינען "אזנך" – דיינע כלים, נאר דו זאלסט עס ליינען "אוזנך" – דיין אויער, און דאס וועט מיינען **שֶׁאִם יִשְׁמַע אָדָם דָּבָר שֶׁאֵינוֹ הָגוּן** אויב עס קומט אויס פארן מענטש צו הערן א זאך וואס עס פאסט נישט דאס צו הערן **יַנִּיחַ אֶצְבָּעוֹ בְּאָזְנָיו** זאל דער מענטש אריינלייגן זיין פינגער (וואס איז שפיציג ווי א נאגל) אין די אויערן – ער זאל נישט דארפן הערן וואס מען טאר נישט **וְהַיְינוּ דְּאָמַר רַבִּי אֶלְעָזָר** און דאס איז אזוי ווי רבי אלעזר האט געזאגט **מִפְּנֵי מָה אֶצְבְּעוֹתָיו שֶׁל אָדָם דּוֹמוֹת לִיתֵדוֹת** פארוואס זענען די פינגער פון א מענטש אזוי ווי נעגל, פרעגט די גמרא, וואס מיינט ער צו פרעגן, **מַאי טַעֲמָא** מיט וואס זענען די פינגער אזוי ווי נעגל **אִילֵימָא** וועסטו וועלן זאגן **דִּמְחַלְּקָן** פארוואס די פינגער זענען אפגעטיילט איינס פון אנדערן, – זיי זענען נישט באהאפטן צוזאמען, איז דער ענטפער **כָּל חֲדָא וַחֲדָא לְמִילְתֵיהּ עֲבִידָא** יעדער פינגער איז געמאכט פאר א באזונדערן צוועק, אפילו פאר רחניות׳דיגע ענינים **דְּאָמַר מַר** ווייל דער האר (דער

## **גמרא** (כתובות דף ה׳ ע״א)

זוֹ זֶרֶת, זוֹ קְמִיצָה, זוֹ אַמָּה, זוֹ אֶצְבַּע, זֶה גּוּדָל. אֶלָּא מַה טַּעַם מְשׁוּפּוֹת כִּיתֵידוֹת, שֶׁאִם יִשְׁמַע אָדָם דָּבָר שֶׁאֵינוֹ הָגוּן יַנִּיחַ אֶצְבְּעוֹתָיו בְּאָזְנָיו. **תָּנָא** דְּבֵי רַבִּי יִשְׁמָעֵאל, מִפְּנֵי מָה אוֹזֶן כּוּלָּהּ קָשָׁה וְהָאַלְיָה רַכָּה, שֶׁאִם יִשְׁמַע אָדָם דָּבָר שֶׁאֵינוֹ הָגוּן יָכוֹף אַלְיָה לְתוֹכָהּ. **תָּנוּ** רַבָּנָן, אַל יַשְׁמִיעַ אָדָם לְאָזְנָיו דְּבָרִים בְּטֵלִים, מִפְּנֵי שֶׁהֵן נִכְווֹת תְּחִלָּה לָאֵיבָרִים:

### רש״י

קושיא היא, כל אחת ואחת יש בה צורך ואף בצורכי גבוה: **זו זרת**. מן הקטנה מודדין זרת של חושן: **זו קמיצה**. מאצבע שאצל הקטנה מתחילין לקמוץ, חופה שלש אצבעות על פס ידו הקמיצה והאמה והאצבע וקומץ (מנחות יא.): **זו אמה**. מהגדולה מודדין אמת בנין ואמת כלים: **זו אצבע**. למתן דמים של חטאת דכתיב ביה באצבעו (ויקרא ד לד): **זה גודל**. לבהן יד דאהרן (ויקרא ח כג) ודמצורע (ויקרא יד יד): **משופות**. אגוייסיד״ש בלע״ז: **אליה**. בשר שבסוף האוזן: **נכוות תחלה לאברים**. רכות ודקות ליכוות מכולם. והכי נמי אמרינן במסכת עבודה זרה (לח.) האי עובד כוכבים דחריך רישא שרי למיכל אפילו מריש אודניה ואף על פי שממהר ליבשל:

### ביאור גמרא

תנא) האט געזאגט **זוֹ זֶרֶת** מיט דעם קליינעם פינגער טוט מען מעסטן די ברייט פון חושן **זוֹ קְמִיצָה** פון דעם פינגער נעבן דעם קליינעם פינגער מאכט דער כהן די קמיצה ביי א מנחה, – ער נעמט אריין די מעל אין דעם פערטן דריטן און צווייטן פינגער איבער זיין האנטפלאך **זוֹ אַמָּה** מיט דעם מיטלסטן פינגער מעסט מען אַן אייל (אזא מאס) פון די בנין און כלים אין בית המקדש **זוֹ אֶצְבַּע** דעם צווייטן פינגער פון די האנט ניצט דער כהןביים שפריצן די בלוט פון די קרבנות **זֶה גּוּדָל** דעם דיקן פינגער ניצט מען ביים לייגן די אויל אויף דעם דיקן פינגער ביי טהרת מצורע. – ענטפערט די גמרא **אֶלָּא מַה טַּעַם מְשׁוּפּוֹת כִּיתֵידוֹת** נאר די שאלה איז, פארוואס זענען די פינגער שפיציג ווי נעגל, – איז דער ענטפער **שֶׁאִם יִשְׁמַע אָדָם דָּבָר שֶׁאֵינוֹ הָגוּן** כדי אז אויב א מענטש וועט הערן א זאך וואס עס פאסט נישט דאס צו הערן **יַנִּיחַ אֶצְבְּעוֹתָיו בְּאָזְנָיו** זאל ער זיך אריינלייגן זיינע פינגער אין די אויערן, – וועט ער די זאכן נישט הערן.

**תָּנָא דְּבֵי רַבִּי יִשְׁמָעֵאל** מען האט געלערנט ביי רבי ישמעאל **מִפְּנֵי מָה אוֹזֶן כּוּלָּהּ קָשָׁה** פארוואס איז דאס גאנצע אויער הארט **וְהָאַלְיָה רַכָּה** און דאס לעפל – די אונטערשטע שטיקל פון אויער איז ווייך **שֶׁאִם יִשְׁמַע אָדָם דָּבָר שֶׁאֵינוֹ הָגוּן** דאס איז כדי אז אויב א מענטש וועט הערן א זאך וואס עס פאסט נישט דאס צו הערן **יָכוֹף אַלְיָה לְתוֹכָהּ** זאל ער דאס לעפל פון אויער אריינבייגן אין אויער אריין – וועט ער עס נישט הערן.

**תָּנוּ רַבָּנָן** האבן די רבנן געלערנט **אַל יַשְׁמִיעַ אָדָם לְאָזְנָיו דְּבָרִים בְּטֵלִים** א מענטש זאל נישט לאזן הערן זיינע אויערן דברים בטלים **מִפְּנֵי שֶׁהֵן נִכְווֹת תְּחִלָּה לָאֵיבָרִים** ווייל די אויערן זענען דאס ערשטע צו פילן אין גיהנם אפגעבריט, – ווייל די אויערן זענען ווייך און דין.

## זוהר

ת״ת דאצילות יוד הא ואו הא

## **זוהר** (יתרו דף פ״ח ע״ב)

**אָמַר** רַבִּי אֶלְעָזָר לַאֲבוֹי, אִלֵּין סְעוּדָתֵי הֵיךְ מִתְתַּקְנָן. אָמַר לֵיהּ לֵילְיָא דְשַׁבַּתָּא כְּתִיב וְהִרְכַּבְתִּיךָ עַל בָּמֳתֵי אָרֶץ, בֵּיהּ בְּלֵילְיָא מִתְבָּרְכָא מַטְרוֹנִיתָא וְכֻלְּהוּ חֲקַל תַּפּוּחִין, וּמִתְבָּרְכָא פְּתוֹרֵיהּ דְּבַר נַשׁ, וְנִשְׁמָתָא אִתּוֹסְפַת. וְהַהוּא לֵילְיָא חֶדְוָה דְמַטְרוֹנִיתָא הֲוֵי, וּבָעֵי בַּר נַשׁ לְמֶחֱדֵי בְּחֶדְוָתָא וּלְמֵיכַל סְעוּדָתָא דְמַטְרוֹנִיתָא. **בְּיוֹמָא** דְשַׁבַּתָּא בִּסְעוּדָתָא תִּנְיָנָא כְּתִיב

### ביאור זוהר

**אָמַר רַבִּי אֶלְעָזָר לַאֲבוֹי, אִלֵּין סְעוּדָתֵי הֵיךְ מִתְתַּקְנָן.** אָמַר רַבִּי אֶלְעָזָר לְאָבִיו (רַבִּי שִׁמְעוֹן), אֵלּוּ הַסְּעוּדוֹת אֵיךְ מִסְתַּדְּרִים. **אָמַר לֵיהּ לֵילְיָא דְשַׁבַּתָּא כְּתִיב** אָמַר לוֹ, בְּלֵיל שַׁבָּת נֶאֱמַר **וְהִרְכַּבְתִּיךָ עַל בָּמֳתֵי אָרֶץ, בֵּיהּ בְּלֵילְיָא מִתְבָּרְכָא מַטְרוֹנִיתָא וְכֻלְּהוּ חֲקַל תַּפּוּחִין,** בּוֹ בַּלַּיְלָה מִתְבָּרֶכֶת הַמַּלְכָּה (מִדַּת הַמַּלְכוּת) וְכָל הַשָּׂדֶה תַּפּוּחִים הָעוֹלָמוֹת שֶׁנֶּהֱנִים מִמֶּנָּה, **וּמִתְבָּרְכָא פְּתוֹרֵיהּ דְּבַר נַשׁ,** וּמִתְבָּרֵךְ שֻׁלְחָנוֹ שֶׁל הָאָדָם, **וְנִשְׁמָתָא אִתּוֹסְפַת.** וְהַנְּשָׁמָה נִתּוֹסֶפֶת לָאָדָם. **וְהַהוּא לֵילְיָא חֶדְוָה דְמַטְרוֹנִיתָא הֲוֵי,** וְאוֹתָהּ הַלַּיְלָה שִׂמְחַת הַמַּלְכָּה הֲוָה, **וּבָעֵי בַּר נַשׁ לְמֶחֱדֵי בְּחֶדְוָתָא וּלְמֵיכַל סְעוּדָתָא דְמַטְרוֹנִיתָא.** וְצָרִיךְ הָאָדָם לִשְׂמֹחַ בְּשִׂמְחָה, וְלֶאֱכֹל סְעוּדַת הַמַּלְכָּה.

**בְּיוֹמָא דְשַׁבַּתָּא בִּסְעוּדָתָא תִּנְיָנָא כְּתִיב** בְּיוֹם הַשַּׁבָּת

## זוהר (יתרו דף פ"ח ע"ב)

**אָז** תִּתְעַנַּג עַל יְיָ, עַל הוי"ה וַדַּאי, דְּהַהִיא שַׁעֲתָא אִתְגַּלְיָיא עַתִּיקָא קַדִּישָׁא, וְכֻלְּהוּ עָלְמִין בְּחֶדְוָותָא וּשְׁלִימוּ, וְחֶדְוָותָא דְעַתִּיקָא עַבְדִינָן, וּסְעוּדָתָא דִילֵיהּ הִיא וַדַּאי.

**בִּסְעוּדָתָא** תְּלִיתָאָה דְּשַׁבַּתָּא כְּתִיב וְהַאֲכַלְתִּיךָ נַחֲלַת יַעֲקֹב אָבִיךָ, דָּא הִיא סְעוּדָתָא דִּזְעֵיר אַנְפִּין, דַּהֲוֵי בִּשְׁלִימוּתָא, וְכֻלְּהוּ שִׁתָּא יוֹמִין מֵהַהוּא שְׁלִימוּ מִתְבָּרְכָן.

**וּבָעֵי** בַר נַשׁ לְמֶחֱדֵי בִּסְעוּדָתֵיהּ, וּלְאַשְׁלְמָא אִלֵּין סְעוּדָתֵי, דְּאִינּוּן סְעוּדָתֵי מְהֵימְנוּתָא שְׁלֵימְתָא דְּזַרְעָא קַדִּישָׁא דְּיִשְׂרָאֵל, דִּי מְהֵימְנוּתָא עִלָּאָה דָּא דִּלְהוֹן הִיא, וְלָא דְעַמִּין, וּבְגִינֵי כָּךְ אָמַר בֵּינִי וּבֵין בְּנֵי יִשְׂרָאֵל.

**תָּא** חֲזִי, בִּסְעוּדָתֵי אִלֵּין אִשְׁתְּמוֹדְעוּן יִשְׂרָאֵל דְּאִינּוּן בְּנֵי מַלְכָּא, דְּאִינּוּן מֵהֵיכְלָא דְּמַלְכָּא, דְּאִינּוּן בְּנֵי מְהֵימְנוּתָא. וּמַאן דְּפָגִים חַד סְעוּדָתָא מִנַּיְיהוּ, אַחְזֵי פְּגִימוּתָא לְעֵילָּא, וְאַחְזֵי גַּרְמֵיהּ דְּלָאו מִבְּנֵי מַלְכָּא עִלָּאָה הוּא, דְּלָאו מִבְּנֵי הֵיכָלָא דְמַלְכָּא הוּא, דְּלָאו מִזַּרְעָא קַדִּישָׁא דְיִשְׂרָאֵל הוּא. וְיַהֲבִין עֲלֵיהּ חוּמְרָא דִּתְלַת מִילִּין, דִּינָא דְגֵיהִנָּם וְכוּ'.

**וְתָא** חֲזִי, בְּכֻלְּהוּ שְׁאָר זִמְנִין וְחַגִּין בָּעֵי בַר נַשׁ לְחֶדֵי, וּלְמֶחֱדֵי לְמִסְכְּנֵי. וְאִי הוּא חָדֵי בִּלְחוֹדוֹי וְלָא יָהִיב לְמִסְכְּנֵי, עוֹנְשֵׁיהּ סַגֵּי, דְּהָא בִּלְחוֹדוֹי חָדֵי וְלָא יָהִיב חֵדוּ לְאַחֲרָא. עֲלֵיהּ כְּתִיב (מלאכי ב) וְזֵרִיתִי פֶרֶשׁ עַל פְּנֵיכֶם פֶּרֶשׁ חַגֵּיכֶם. וְאִי אִיהוּ בְּשַׁבַּתָּא חָדֵי, אַף עַל גַּב דְּלָא יְהִיב לְאַחֲרָא, לָא יַהֲבִין עֲלֵיהּ עוֹנְשָׁא כִּשְׁאָר זִמְנִין וְחַגִּין, דִּכְתִיב פֶּרֶשׁ חַגֵּיכֶם, פֶּרֶשׁ חַגֵּיכֶם קָאָמַר, וְלָא פֶּרֶשׁ שַׁבַּתְּכֶם. וּכְתִיב (ישעיה א) חָדְשֵׁיכֶם וּמוֹעֲדֵיכֶם שָׂנְאָה נַפְשִׁי, וְאִילּוּ שַׁבָּת לָא קָאָמַר. וּבְגִינֵי כָּךְ כְּתִיב בֵּינִי וּבֵין בְּנֵי יִשְׂרָאֵל:

### ביאור זוהר

בִּסְעוּדָה שְׁנִיָּה נֶאֱמַר **אָז תִּתְעַנַּג עַל יְיָ. עַל הוי"ה וַדַּאי**, הוי"ה רוֹמֵז עַל זְעֵיר אַנְפִּין, וְעַל הוי"ה הַכַּוָּנָה עַתִּיק, שֶׁהוּא לְמַעְלָה מִזְּעֵיר, **דְּהַהִיא שַׁעֲתָא אִתְגַּלְיָיא עַתִּיקָא קַדִּישָׁא, וְכֻלְּהוּ עָלְמִין בְּחֶדְוָותָא וּשְׁלִימוּ**, שֶׁבְּאוֹתָהּ הַשָּׁעָה נִתְגַּלֶּה "עַתִּיקָא קַדִּישָׁא" בְּהֶאָרָה גְדוֹלָה, וְכָל הָעוֹלָמוֹת בְּשִׂמְחָה וּשְׁלֵמוּת, **וְחֶדְוָותָא דְעַתִּיקָא עַבְדִינָן, וּסְעוּדָתָא דִילֵיהּ הִיא וַדַּאי**, וְשִׂמְחַת "עַתִּיקָא קַדִּישָׁא" אָנוּ עוֹשִׂים, וּסְעוּדָה שֶׁלּוֹ הִיא וַדַּאי.

**בִּסְעוּדָתָא תְּלִיתָאָה דְּשַׁבַּתָּא כְּתִיב** בִּסְעוּדָה שְׁלִישִׁית שֶׁל שַׁבָּת נֶאֱמַר **וְהַאֲכַלְתִּיךָ נַחֲלַת יַעֲקֹב אָבִיךָ**, יַעֲקֹב רוֹמֵז לְתִפְאֶרֶת - זְעֵיר אַנְפִּין, **דָּא הִיא סְעוּדָתָא דִּזְעֵיר אַנְפִּין דַּהֲוֵי בִּשְׁלִימוּתָא**, זֶהוּ הַסְּעוּדָה שֶׁל זְעֵיר אַנְפִּין שֶׁהוּא בִּשְׁלֵמוּת, **וְכֻלְּהוּ שִׁתָּא יוֹמִין מֵהַהוּא שְׁלִימוּ מִתְבָּרְכָן**, וְכָל הַשִּׁשָּׁה יָמִים מֵאוֹתָהּ הַשְּׁלֵמוּת מִתְבָּרְכִים.

**וּבָעֵי בַר נַשׁ לְמֶחֱדֵי בִּסְעוּדָתֵיהּ**, וְצָרִיךְ הָאָדָם לִשְׂמֹחַ בִּסְעוּדָתוֹ, **וּלְאַשְׁלְמָא אִלֵּין סְעוּדָתֵי, דְּאִינּוּן סְעוּדָתֵי מְהֵימְנוּתָא שְׁלֵימְתָא דְּזַרְעָא קַדִּישָׁא דְּיִשְׂרָאֵל**, וּלְהַשְׁלִים אֵלּוּ הַסְּעוּדוֹת שֶׁהֵם סְעוּדוֹת הָאֱמוּנָה הַשְּׁלֵמָה שֶׁל זֶרַע קֹדֶשׁ שֶׁל יִשְׂרָאֵל, **דִּי מְהֵימְנוּתָא עִלָּאָה דָּא דִּלְהוֹן הִיא, וְלָא דְעַמִּין**, שֶׁהָאֱמוּנָה הָעֶלְיוֹנָה זוֹ שֶׁלָּהֶם הִיא, וְלֹא שֶׁל הָאֻמּוֹת, **וּבְגִינֵי כָּךְ** וּמִשּׁוּם כָּךְ **אָמַר בֵּינִי וּבֵין בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**, שֶׁאֵין לָאֻמּוֹת חֵלֶק בָּהּ.

**תָּא חֲזִי, בִּסְעוּדָתֵי אִלֵּין אִשְׁתְּמוֹדְעוּן יִשְׂרָאֵל דְּאִינּוּן בְּנֵי מַלְכָּא, דְּאִינּוּן מֵהֵיכְלָא דְמַלְכָּא, דְּאִינּוּן בְּנֵי מְהֵימְנוּתָא.** בֹּא וּרְאֵה, בִּסְעוּדוֹת אֵלּוּ נִכָּרִים יִשְׂרָאֵל שֶׁהֵם בְּנֵי הַמֶּלֶךְ, שֶׁהֵם מֵהֵיכַל הַמֶּלֶךְ, שֶׁהֵם בְּנֵי הָאֱמוּנָה. **וּמַאן דְּפָגִים חַד סְעוּדָתָא מִנַּיְיהוּ, אַחְזֵי פְּגִימוּתָא לְעֵילָּא**, וּמִי שֶׁפּוֹגֵם שֶׁמְּחַסֵּר סְעוּדָה אַחַת מֵהֶם, מַרְאֶה פְּגַם חִסָּרוֹן לְמַעְלָה, **וְאַחְזֵי גַּרְמֵיהּ דְּלָאו מִבְּנֵי מַלְכָּא עִלָּאָה הוּא, דְּלָאו מִבְּנֵי הֵיכָלָא דְמַלְכָּא הוּא, דְּלָאו מִזַּרְעָא קַדִּישָׁא דְיִשְׂרָאֵל הוּא**, וּמַרְאֶה בְּעַצְמוֹ שֶׁאֵינוֹ מִבְּנֵי הַמֶּלֶךְ, שֶׁאֵינוֹ מִבְּנֵי הֵיכַל הַמֶּלֶךְ, שֶׁאֵינוֹ מִזֶּרַע הַקֹּדֶשׁ שֶׁל יִשְׂרָאֵל, **וְיַהֲבִין עֲלֵיהּ חוּמְרָא דִּתְלַת מִילִּין, דִּינָא דְגֵיהִנָּם וְכוּ'**. וְנוֹתְנִים עָלָיו חוֹמֶר שְׁלשָׁה דְּבָרִים, שֶׁהֵם דִּין גֵּיהִנֹּם, חֶבְלֵי מָשִׁיחַ, וּמִלְחֶמֶת גּוֹג וּמָגוֹג.

**וְתָא חֲזִי, בְּכֻלְּהוּ שְׁאָר זִמְנִין וְחַגִּין בָּעֵי בַר נַשׁ לְחֶדֵי, וּלְמֶחֱדֵי לְמִסְכְּנֵי.** בֹּא וּרְאֵה, בְּכָל שְׁאָר מוֹעֲדִים וְחַגִּים צָרִיךְ הָאָדָם לִשְׂמֹחַ, וּלְשַׂמֵּחַ לָעֲנִיִּים. **וְאִי הוּא חָדֵי בִּלְחוֹדוֹי וְלָא יָהִיב לְמִסְכְּנֵי, עוֹנְשֵׁיהּ סַגֵּי**, וְאִם הוּא שָׂמֵחַ לְבַדּוֹ וְאֵינוֹ נוֹתֵן לָעֲנִיִּים, עָנְשׁוֹ מְרֻבֶּה, **דְּהָא בִּלְחוֹדוֹי חָדֵי וְלָא יָהִיב חֵדוּ לְאַחֲרָא**, שֶׁהֲרֵי בִּלְבַדּוֹ שָׂמֵחַ וְאֵינוֹ נוֹתֵן שִׂמְחָה לְאַחֵר, **עֲלֵיהּ כְּתִיב** עָלָיו נֶאֱמַר (מלאכי ב) **וְזֵרִיתִי פֶרֶשׁ עַל פְּנֵיכֶם פֶּרֶשׁ חַגֵּיכֶם. וְאִי אִיהוּ בְּשַׁבַּתָּא חָדֵי, אַף עַל גַּב דְּלָא יְהִיב לְאַחֲרָא**, וְאִם הוּא בְּשַׁבָּת שָׂמֵחַ, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ נוֹתֵן לְאַחֵר, **לָא יַהֲבִין עֲלֵיהּ עוֹנְשָׁא כִּשְׁאָר זִמְנִין וְחַגִּין**, לֹא נוֹתְנִים עָלָיו עֹנֶשׁ כִּשְׁאָר מוֹעֲדִים וְחַגִּים, **דִּכְתִיב פֶּרֶשׁ חַגֵּיכֶם, פֶּרֶשׁ חַגֵּיכֶם קָאָמַר, וְלָא פֶּרֶשׁ שַׁבַּתְּכֶם. וּכְתִיב** (ישעי' א) **חָדְשֵׁיכֶם וּמוֹעֲדֵיכֶם שָׂנְאָה נַפְשִׁי, וְאִילּוּ שַׁבָּת לָא קָאָמַר.** וְאִלּוּ שַׁבָּת אֵינוֹ מַזְכִּיר בַּפָּסוּק. **וּבְגִינֵי כָּךְ כְּתִיב** וּמִשּׁוּם כָּךְ נֶאֱמַר **בֵּינִי וּבֵין בְּנֵי יִשְׂרָאֵל** כִּי בְּשַׁבַּת הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בַּעַל הַסְּעוּדָה, לָכֵן כְּשֶׁאָנוּ שְׂמֵחִים בְּשִׂמְחָתוֹ אֵין אָנוּ חַיָּבִים לְשַׂמֵּחַ לְזוּלָתֵנוּ כָּל כָּךְ, מַה שֶּׁאֵין כֵּן בְּיָמִים טוֹבִים שֶׁהֵם יְמֵי שִׂמְחָתֵנוּ וְאָנוּ בַּעֲלֵי הַסְּעוּדָה, אָנוּ חַיָּבִים לְשַׂמֵּחַ לְכָל מִי שֶׁנִּמְצָא בְּלִי שִׂמְחָה:

# יוסף לחק

## הלכה

### הלכה (רמב"ם, הלכות קריאת שמע פרק א)

**א.** הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע מְבָרֵךְ לְפָנֶיהָ וּלְאַחֲרֶיהָ, בַּיּוֹם מְבָרֵךְ שְׁתַּיִם לְפָנֶיהָ וְאַחַת לְאַחֲרֶיהָ, וּבַלַּיְלָה מְבָרֵךְ שְׁתַּיִם לְפָנֶיהָ וּשְׁתַּיִם לְאַחֲרֶיהָ.

**ב.** בְּרָכָה רִאשׁוֹנָה שֶׁלְּפָנֶיהָ בַּיּוֹם, יוֹצֵר אוֹר וּבוֹרֵא חֹשֶׁךְ, וּבְרָכָה שְׁנִיָּה אַהֲבַת עוֹלָם אֲהַבְתָּנוּ, וְשֶׁלְּאַחֲרֶיהָ אֱמֶת וְיַצִּיב, וּבְרָכָה רִאשׁוֹנָה שֶׁלְּפָנֶיהָ בַּלַּיְלָה, מַעֲרִיב עֲרָבִים, שְׁנִיָּה לָהּ אַהֲבַת עוֹלָם בֵּית יִשְׂרָאֵל עַמְּךָ אָהָבְתָּ, וּבְרָכָה רִאשׁוֹנָה שֶׁלְּאַחֲרֶיהָ אֱמֶת וֶאֱמוּנָה, שְׁנִיָּה לָהּ הַשְׁכִּיבֵנוּ.

**ג.** בְּרָכָה רִאשׁוֹנָה שֶׁלְּפָנֶיהָ בֵּין בַּיּוֹם בֵּין בַּלַּיְלָה פּוֹתֵחַ בָּהּ בְּבָרוּךְ וְחוֹתֵם בָּהּ בְּבָרוּךְ, וּשְׁאָר בִּרְכוֹתֶיהָ חוֹתֵם בְּכָל אַחַת מֵהֶן בְּבָרוּךְ, וְאֵין לָהֶם פְּתִיחָה בְּבָרוּךְ.

### ביאור הלכה

**א. הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע** דער וואס לייענט קריאת שמע **מְבָרֵךְ לְפָנֶיהָ וּלְאַחֲרֶיהָ** דארף זאגן א ברכה פאר קריאת שמע און א ברכה נאך קריאת שמע **בַּיּוֹם מְבָרֵךְ שְׁתַּיִם לְפָנֶיהָ וְאַחַת לְאַחֲרֶיהָ** ווען ער לייענט קריאת שמע בייטאג זאל ער זאגן צוויי ברכות פאר קריאת שמע און איין ברכה נאך קריאת שמע **וּבַלַּיְלָה מְבָרֵךְ שְׁתַּיִם לְפָנֶיהָ וּשְׁתַּיִם לְאַחֲרֶיהָ** און ווען ער לייענט קריאת שמע ביינאכט זאל ער זאגן צוויי ברכות פאר קריאת שמע און צוויי ברכות נאך קריאת שמע.

**ב. בְּרָכָה רִאשׁוֹנָה שֶׁלְּפָנֶיהָ בַּיּוֹם יוֹצֵר אוֹר וּבוֹרֵא חֹשֶׁךְ** די ערשטע ברכה פאר קריאת שמע בייטאג איז יוצר אור ובורא חושך **וּבְרָכָה שְׁנִיָּה אַהֲבַת עוֹלָם אֲהַבְתָּנוּ** און די צווייטע ברכה איז אהבת עולם [אדער אהבה רבה] אהבתנו **וְשֶׁלְּאַחֲרֶיהָ אֱמֶת וְיַצִּיב** און די ברכה נאך קריאת שמע איז אמת ויציב **וּבְרָכָה רִאשׁוֹנָה שֶׁלְּפָנֶיהָ בַּלַּיְלָה מַעֲרִיב עֲרָבִים** און די ערשטע ברכה פאר קריאת שמע ביינאכט איז מעריב ערבים **שְׁנִיָּה לָהּ אַהֲבַת עוֹלָם בֵּית יִשְׂרָאֵל עַמְּךָ אָהָבְתָּ** די צווייטע ברכה פאר קריאת שמע איז אהבת עולם בית ישראל עמך אהבת **וּבְרָכָה רִאשׁוֹנָה שֶׁלְּאַחֲרֶיהָ אֱמֶת וֶאֱמוּנָה** די ערשטע ברכה נאך קריאת שמע איז אמת ואמונה **שְׁנִיָּה לָהּ הַשְׁכִּיבֵנוּ** און די צווייטע ברכה איז השכיבנו.

**ג. בְּרָכָה רִאשׁוֹנָה שֶׁלְּפָנֶיהָ** די ערשטע ברכה פאר קריאת שמע **בֵּין בַּיּוֹם בֵּין בַּלַּיְלָה** סיי ביי די קריאת שמע וואס מען לייענט בייטאג און סיי ביי די קריאת שמע וואס מען לייענט ביינאכט **פּוֹתֵחַ בָּהּ בְּבָרוּךְ וְחוֹתֵם בָּהּ בְּבָרוּךְ** הייבט מען אָן מיט 'ברוך' און מען פירט אויס מיט 'ברוך' **וּשְׁאָר בִּרְכוֹתֶיהָ חוֹתֵם בְּכָל אַחַת מֵהֶן בְּבָרוּךְ וְאֵין לָהֶם פְּתִיחָה בְּבָרוּךְ** און די איבריגע ברכות פון פאר קריאת שמע און פון נאך קריאת שמע סיי ביי די קריאת שמע פון בייטאג און סיי ביי די קריאת שמע פון ביינאכט יעדע ברכה ענדיגט זיך מיט ברוך, און הייבט זיך נישט אָן מיט ברוך.

## מוסר

### מוסר (מלוקט)

**הַמִּסְתַּכֵּל** בְּנָשִׁים לֵיהָנוֹת מֵהֶן, רָעָתוֹ רַבָּה, וְהִיא עֲבֵירָה גוּפָהּ, דִּכְתִיב (במדבר טו, לט) 'וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם אֲשֶׁר אַתֶּם זוֹנִים אַחֲרֵיהֶם', וַעֲבֵירָה הִיא בְּיָדוֹ, וְחוֹזֵר עָלֶיהָ בְּגִלְגּוּל בָּעוֹף הַנִּקְרָא רָאָה, שֶׁהוּא מְזַנֶּה בָּרְאִיָּה (חולין סג:), וְזֶהוּ שֶׁאָמַר 'וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם',

### ביאור מוסר

**הַמִּסְתַּכֵּל בְּנָשִׁים לֵיהָנוֹת מֵהֶן** דער מענטש וואס קוקט אויף פרויען כדי צו הנאה האבן פון זיי **רָעָתוֹ רַבָּה** איז זיין שלעכטס גרויס **וְהִיא עֲבֵירָה גוּפָהּ** און דאס קוקן אליין איז אַן עבירה **דִּכְתִיב** ווי ס'שטייט אין פסוק (במדבר טו, לט) '**וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם אֲשֶׁר אַתֶּם זוֹנִים אַחֲרֵיהֶם**' 'איר זאלט נישט נאכגיין נאך אייער הארץ און נאך אייערע אויגן וואס איר קערט אייך נאך זיי' צו טון וואס די הארץ מיט די אויגן גלוסטן **וַעֲבֵירָה הִיא בְּיָדוֹ** און דאס איז א גרויסע עבירה און ער וועט אויף דעם געשטראפט ווערן, **וְחוֹזֵר עָלֶיהָ בְּגִלְגּוּל בָּעוֹף הַנִּקְרָא רָאָה** און נאך זיין טויט וועט זיין נשמה מגולגל ווערן אין אַן עוף וואס הייסט ראה **שֶׁהוּא מְזַנֶּה בָּרְאִיָּה** און פארוואס הייסט דאס פויגל 'ראה' ווייל זי זעט זייער ווייט (חולין סג:) און זי איז מזנה מיט אירע אויגן (שער הגלגולים סוף הקדמה כב) **וְזֶהוּ שֶׁאָמַר** און דאס איז וואס דער פסוק זאגט '**וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם**' 'איר זאלט נישט נאכגיין נאך די גלוסטונג פון אייער הארץ און נאך דאס וואס אייערע אויגן קוקן'

## מוסר (מלוקט)

כִּי בֶּעָוֹן זֶה אַתֶּם זוֹנִים בְּגִלְגּוּל בִּרְאִיָּה אַחֲרֵיהֶם שֶׁל עֵינֵיכֶם הַמִּסְתַּכְּלִים עַתָּה, וְהַמִּסְתַּכֵּל בְּנָשִׁים כָּתַב גָּדוֹל הַמּוֹרִים (שערי תשובה שער א אות ו-ח) שֶׁנִּקְרָא מוּמָר לְדָבָר אֶחָד, וְכָל אוֹתָן צוּרוֹת שֶׁנֶּהֱנֶה בִּרְאִיָּיתָם, הַמַּלְאַךְ הַמָּוֶת מְבִיאָן בִּשְׁעַת פְּטִירָתוֹ וּמִתְלוֹצֵץ בּוֹ, מִלְּבַד שֶׁמְּטַמֵּא נַפְשׁוֹ וּמִזֶּה יָבֹא לְהַשְׁחָתָה, וְגַם כְּשֶׁמּוֹלִיד יֶלֶד יָבֹא לַחֲשׁוֹב בְּאוֹתָן צוּרוֹת, וְזֶהוּ סְגוּלָה לִהְיוֹת נֶחְשַׁב נוֹאֵף בְּאִשְׁתּוֹ, וְיֵצְאוּ מִזֶּה יְלָדִים אֲשֶׁר הֵ"ן בָּהֶם כָּל מוּם, פָּרִיצֵי הַדּוֹר הוֹלְכִים אַחֲרֵי עֵינֵיהֶם, כָּמוֹהוּ כְּמוֹהֶם. אֲבָל יִשְׂרָאֵל קְדוֹשִׁים (נדה יז.), נוֹהֲגִים בְּאֵימָה וְיִרְאַת ה' עַל פְּנֵיהֶם, 'וַה' עֲלֵיהֶם יֵרָאֶה' (זכריה ט, יד), וְיִתְבָּרְכוּ בְּזֶרַע קֹדֶשׁ לְמִינֵיהֶם, וְצֶאֱצָאֵיהֶם לְעֵינֵיהֶם לַעֲשׂוֹת רְצוֹן קוֹנֵיהֶם.

### ביאור מוסר

**כִּי בֶּעָוֹן זֶה אַתֶּם זוֹנִים בְּגִלְגּוּל בִּרְאִיָּה אַחֲרֵיהֶם שֶׁל עֵינֵיכֶם הַמִּסְתַּכְּלִים עַתָּה** ווייל וועגן די זינד וועט איר מגולגל ווערן אין דעם עוף וואס הייסט ראה און איר וועט מזנה זיין מיט די אויגן ווייל אייערע אויגן האבן יעצט געקוקט אויף דאס וואס איז אסור צו קוקן.

**וְהַמִּסְתַּכֵּל בְּנָשִׁים** און אויף דעם וואס קוקט אויף פרויען **כָּתַב גָּדוֹל הַמּוֹרִים** האט געשריבן רבינו יונה דער גרעסטער פון די פוסקים (שערי תשובה שער א אות ו-ח) **שֶׁנִּקְרָא מוּמָר לְדָבָר אֶחָד** אז ער ווערט גערעכנט ווי א גע'שמד'טער אויף איין זאך צו די עבירה, **וְכָל אוֹתָן צוּרוֹת שֶׁנֶּהֱנֶה בִּרְאִיָּיתָם** און די אלע צורות פון די פרויען וואס ער האט הנאה געהאט ווען ער האט אויף זיי געקוקט **הַמַּלְאַךְ הַמָּוֶת מְבִיאָן בִּשְׁעַת פְּטִירָתוֹ** ווען דער מענטש שטארבט ברענגט דער מלאך המות די אלע צורות פאר דעם מענטש **וּמִתְלוֹצֵץ בּוֹ** און דעמאלטס לאכט דער מלאך המות פון אים **מִלְּבַד שֶׁמְּטַמֵּא נַפְשׁוֹ** אויסערדעם וואס ער איז מטמא זיין נשמה **וּמִזֶּה יָבֹא לְהַשְׁחָתָה** און פון דעם וועט ער נאך צוקומען צו א פארדארבונג, **וְגַם כְּשֶׁמּוֹלִיד יֶלֶד** און אויך ווען ער וואוינט מיט זיין ווייב **יָבֹא לַחֲשׁוֹב בְּאוֹתָן צוּרוֹת** וועלן אויך דעמאלטס קומען די צורות פון די פרויען וואס ער האט געקוקט אויף זיי און ער וועט דעמאלטס טראכטן וועגן זיי, **וְזֶהוּ סְגוּלָה לִהְיוֹת נֶחְשַׁב נוֹאֵף בְּאִשְׁתּוֹ** און דורכדעם ווערט ער גערעכנט ווי ער איז מזנה מיט זיין ווייב ווי די חז"ל האבן געזאגט (נדרים כ:) **וְיֵצְאוּ מִזֶּה יְלָדִים אֲשֶׁר הֵ"ן בָּהֶם כָּל מוּם** און פון דעם וועלן געבוירן ווערן קינדער וואס אין זיי וועלן זיין אלע פעלערן **פָּרִיצֵי הַדּוֹר הוֹלְכִים אַחֲרֵי עֵינֵיהֶם** זיי זענען די פרעכע און שלעכטע מענטשן פונעם דור וועלכע וועלן אויך נאכגיין נאך זייערע אויגן צו קוקן אויף וואס מען טאר נישט קוקן **כָּמוֹהוּ כְּמוֹהֶם** אזוי ווי ער אליין איז, אזוי וועלן זיי אויך זיין, **אֲבָל יִשְׂרָאֵל קְדוֹשִׁים** אבער אידן זענען הייליג אין זייער פירונג (נדה יז.) **נוֹהֲגִים בְּאֵימָה** זיי פירן זיך מיט מורא **וְיִרְאַת ה' עַל פְּנֵיהֶם** און די מורא פון דעם אויבערשטן דערקענט זיך אויף זייער פנים '**וַה' עֲלֵיהֶם יֵרָאֶה**' און עס וועט מקוים ווערן אויף זיי דער פסוק 'די מורא פונעם אויבערשטן וועט געזען ווערן אויף זייער פנים' (זכריה ט, יד) **וְיִתְבָּרְכוּ בְּזֶרַע קֹדֶשׁ לְמִינֵיהֶם** און זיי וועלן געבענטשט ווערן מיט הייליגע קינדער אזוי ווי זיי זענען **וְצֶאֱצָאֵיהֶם לְעֵינֵיהֶם** און זיי וועלן זוכה זיין צו זען זייערע קינדער פאר זייערע אויגן **לַעֲשׂוֹת רְצוֹן קוֹנֵיהֶם** וואס זייער גאנצער ווילן וועט נאר זיין צו טון דעם ווילן פון זייער באשעפער.

---

### כבוד שבת

**מה שמועה שמע ובא, קריעת ים סוף ומלחמת עמלק** (רש"י יח, א)

פארוואס האבן דוקא די 2 נסים אים באוואויגן זיך מגייר צו זיין? נאר אזוי ווי אלע נסים זענען געמאכט געווארן דורך דעם שטעקן, האט יתרו געקלערט אז דאס האט א שייכות מיט כישוף ר"ל, דעריבער איז ער נישט נתפעל געווארן. ביי די דאזיגע 2 נסים שטייט אבער, הרם את מטך ונטה את "ידך", ווי אויך כאשר ירים משה "ידו" וגבר ישראל, האט דאך דאס נישט קיין צוזאמענהאנג מיט כישוף ר"ל, האט דאס פאראורזאכט זיין קומען. (אגם מי"ם)

**כי אמר גר הייתי בארץ נכריה ... כי אלוקי אבי בעזרי** (יח, ג-ד)

ווען מ'איז מדייק, באמערקט מען אז בלויז אין אנהויב פסוק ביי גרשום, שטייט דאס לשון "כי אמר", דאקעגן ביי אליעזר געפינט זיך נישט דאס לשון. נאר די טיפקייט דערפון איז, אז דער געפיל פון גר הייתי בארץ נכרי' איז נישט א ריכטיגער, ווייל א איד איז שטענדיג אונטער'ן באשעפער. דעריבער זאגט דער פסוק "כי אמר", אז ער האט נאר געזאגט, גר הייתי בארץ נכרי', אבער באמת איז א איד קיינמאל נישט אין דער פרעמד. (מפי השמועה)

## פניני אור החיים

**אָכֵן** כַּוָּנַת הַכָּתוּב הִיא לְהַקְדִּים ג' עִנְיָנִים הֵם עִקְּרֵי הַהֲכָנָה לְקַבָּלַת הַתּוֹרָה שֶׁבְּאֶמְצָעוּתָם נִתְרַצָּה ה' לְהַנְחִילָם נַחֲלַת שַׁדַּי, הִיא תּוֹרָתֵנוּ הַנְּעִימָה:

**הָא'** הוּא הִתְגַּבְּרוּת וְהִתְעַצְּמוּת בְּעֵסֶק הַתּוֹרָה, כִּי הָעַצְלוּת הוּא עֵשֶׂב הַמַּפְסִיד הַשָּׂגָתָהּ, וְלָזֶה תִּמְצָא כִּי כָּל מָקוֹם שֶׁיַּזְכִּירֶנָּה ה' לַתּוֹרָה יְדַקְדֵּק לוֹמַר לְשׁוֹן חֹזֶק וְאֹמֶץ עַד גֶּדֶר שֶׁיָּמִית עַצְמוֹ עָלֶיהָ דִּכְתִיב (בַּמִּדְבָּר יט יד) זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם כִּי יָמוּת וְגוֹ' וְדָרְשׁוּ ז"ל (שַׁבָּת פג:) וְכוּ', כְּמוֹ כֵן רַבּוֹתֵינוּ ז"ל יְדַקְדְּקוּ בְּהַזְכָּרָתָהּ לוֹמַר עֵסֶק הַתּוֹרָה, הִשְׁתַּדְּלוּת הַתּוֹרָה וְרַבִּים כָּמוֹהוּ, וְעַיֵּן מַה שֶּׁפֵּרַשְׁתִּי בְּסִפְרִי חֵפֶץ ה' שֶׁחִבַּרְתִּי עַל קְצָת מִמַּסֶּכְתּוֹת הַשַּׁ"ס בְּקַטְנוּתִי בְּמַאֲמַר רַבּוֹתֵינוּ ז"ל (שָׁם פח:) לַמַּיְמִינִים בָּהּ כּוּ', וְתִרְאֶה כִּי לֹא תֻּשַּׂג הַהַשָּׂגָה אֶלָּא בְּהִתְעַצְּמוּת גָּדוֹל, וּכְנֶגֶד זוֹ אָמַר הַכָּתוּב וַיִּסְעוּ מֵרְפִידִים, לֹא בָא לְהוֹדִיעַ מָקוֹם שֶׁמִּמֶּנּוּ נָסְעוּ שֶׁאִם כֵּן הָיָה לוֹ לְהַקְדִּימוֹ קֹדֶם תַּחֲנוֹתָם, אֶלָּא נִתְכַּוֵּן לוֹמַר שֶׁנָּסְעוּ מִבְּחִינַת רִפְיוֹן יָדַיִם כְּמוֹ שֶׁמָּצִינוּ שֶׁדָּרְשׁוּ כֵּן רַבּוֹתֵינוּ ז"ל (סַנְהֶדְרִין קו.) בַּפָּסוּק (לְעֵיל יז ח) וַיִּלָּחֶם עִם יִשְׂרָאֵל בִּרְפִידִים בְּרִפְיוֹן יָדַיִם, עַד כָּאן. וְהֵן עַתָּה נָסְעוּ מִבְּחִינָה זוֹ וְהֵכִינוּ עַצְמָם לַעֲבֹד עֲבוֹדַת מַשָּׂא בְּנֹעַם ה', וְהוּא אוֹמְרוֹ וַיָּבֹאוּ מִדְבַּר סִינַי:

## ביאור אור החיים

דער אוהחה"ק ערקלערט אז דער פסוק קומט זאגן
דריי תנאים וואס פעלט זיך אויס פאר קבלת התורה

**אָכֵן** דער אמת איז **כַּוָּנַת הַכָּתוּב הִיא** די כוונה פון דער פסוק איז **לְהַקְדִּים ג' עִנְיָנִים** צו פעדערן דריי ענינים **הֵם עִקְּרֵי הַהֲכָנָה לְקַבָּלַת הַתּוֹרָה** וואס זיי זענען די עיקרים הכנה צו מקבל זיין די תורה, **שֶׁבְּאֶמְצָעוּתָם** וואס דורך זיי דורך די ענינים **נִתְרַצָּה ה'** איז השי"ת באוויליגט געווארן **לְהַנְחִילָם נַחֲלַת שַׁדַּי** זיי צו מאכן ירש'נען די ארבטייל פון השי"ת **הִיא תּוֹרָתֵנוּ הַנְּעִימָה** זי איז אונזער זיסע תורה.

דער אוהחה"ק זאגט וואס ס'אי דער ערשטע תנאי
צו קבלת התורה

**הָא' הוּא** די ערשטע הכנה צו קבלת התורה איז **הִתְגַּבְּרוּת** דאס שטארקונג **וְהִתְעַצְּמוּת** און זיך שטארק שטארקן **בְּעֵסֶק הַתּוֹרָה** אין דאס עוסק זיין אין תורה, **כִּי הָעַצְלוּת** ווייל די פוילקייט **הוּא עֵשֶׂב הַמַּפְסִיד הַשָּׂגָתָהּ** איז א גראז וואס מאכט שאדן איר דעגרייכונג ס'שטערט צו דערגרייכן די תורה, **וְלָזֶה תִּמְצָא** און צוליב דעם וועסטו געפונען **כִּי כָּל מָקוֹם** אז יעדע פלאץ **שֶׁיַּזְכִּירֶנָּה ה' לַתּוֹרָה** וואס השי"ת דערמאנט תורה **יְדַקְדֵּק לוֹמַר לְשׁוֹן חֹזֶק וְאֹמֶץ** וועט ער מדקדק זיין צו זאגן א לשון פון שטארקקייט און פעסטקייט **עַד גֶּדֶר** ביז אן אפטיילונג **שֶׁיָּמִית עַצְמוֹ עָלֶיהָ** אז ער זאל זיך לאזן שטארבן וועגן איר, **דִּכְתִיב** אזויווי עס שטייט אין פסוק **זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם כִּי יָמוּת וְגוֹ'** זאת התורה אדם כי ימות, **וְדָרְשׁוּ ז"ל וְכוּ'** און חז"ל האבן גע'דרש'נט אז די תורה האלט זיך נאר ביי ווער ס'איז זיך ממית אויף דעם, **כְּמוֹ כֵן רַבּוֹתֵינוּ ז"ל יְדַקְדְּקוּ בְּהַזְכָּרָתָהּ** אזוי אויך וועלן חז"ל מדקדק זיין ביים איר דערמאנען **לוֹמַר** צו זאגן דעם לשון **עֵסֶק הַתּוֹרָה** עוסק זיין אין תורה **הִשְׁתַּדְּלוּת הַתּוֹרָה** זיך משתדל זיין אין תורה **וְרַבִּים כָּמוֹהוּ** און פיל ביישפילן אזויווי דעם לשונות וואס ווייזט אויף זיך פלאגן אין תורה, **וְעַיֵּן מַה שֶּׁפֵּרַשְׁתִּי בְּסִפְרִי חֵפֶץ ה'** און זעה וואס איך האב ערקלערט אין מיין ספר חפץ ה' **שֶׁחִבַּרְתִּי עַל קְצָת מִמַּסֶּכְתּוֹת הַשַּׁ"ס** וואס איך האב מחבר געווען אויף א טייל פון די מסכתות אין ש"ס **בְּקַטְנוּתִי** אין מיינע אינגע יארן **בְּמַאֲמַר רַבּוֹתֵינוּ ז"ל** אין די מאמר פון חז"ל **לַמַּיְמִינִים בָּהּ כּוּ'** אז פאר די וואס האלטן זיך רעכטס מיט איר מיט'ן תורה, **וְתִרְאֶה** און דו וועסט זען **כִּי לֹא תֻּשַּׂג הַהַשָּׂגָה** אז וועט נישט דערגרייכט ווערן די דערגרייכונג אין תורה **אֶלָּא בְּהִתְעַצְּמוּת גָּדוֹל** נאר מיט גרויסע שטארקונג.

דער אוהחה"ק פארטייטשט דאס אין פסוק

**וּכְנֶגֶד זוֹ אָמַר הַכָּתוּב** און קעגן דעם האט דער פסוק געזאגט **וַיִּסְעוּ מֵרְפִידִים** און זיי האבן זיך געצויגן פון רפידים, **לֹא בָא לְהוֹדִיעַ מָקוֹם שֶׁמִּמֶּנּוּ נָסְעוּ** דער פסוק איז נישט געקומען לאזן וויסן דאס פלאץ וואס פון אים האבן זיי זיך אוועק געצויגן **שֶׁאִם כֵּן** ווייל אויב אזוי **הָיָה לוֹ לְהַקְדִּימוֹ קֹדֶם תַּחֲנוֹתָם** וואלט ער עס געדארפט פעדערן צו זאגן 'ויסעו מרפידים' איידער ער זאגט זייער רואונגס פלאץ 'ויבאו מדבר סיני' ווי אויבן דערמאנט, **אֶלָּא נִתְכַּוֵּן לוֹמַר** נאר ער האט אינזין געהאט צו זאגן **שֶׁנָּסְעוּ מִבְּחִינַת רִפְיוֹן יָדַיִם** אז זיי האבן זיך געצויגן פון די בחינה פון רפיון ידים נאכגעלאזטקייט פון די הענט אין תורה, **כְּמוֹ שֶׁמָּצִינוּ ז"ל** אזויווי מיר געפונען **שֶׁדָּרְשׁוּ כֵּן רַבּוֹתֵינוּ** אז חז"ל האבן אזוי גע'דרש'נט **בַּפָּסוּק** ביי דער פסוק וואס דערציילט איבער מלחמת עמלק **וַיִּלָּחֶם עִם יִשְׂרָאֵל בִּרְפִידִים** און ער האט מלחמה געהאלטן מיט די אידן אין רפידים אז די כוונה פון 'רפידים' איז **בְּרִפְיוֹן יָדַיִם** צוליב די נאכגעלאזטקייט פון די הענט וואס די אידן האבן נאכגעלאזט פון די תורה האט גורם געווען די מלחמה מיט עמלק **עַד כָּאן** ביז אהער איז די דרש פון חז"ל, **וְהֵן עַתָּה** און אט יעצט זיך גרייטנדיג צו קבלת התורה **נָסְעוּ מִבְּחִינָה זוֹ** האבן זיי אוועק געצויגן פון די דאזיגע בחינה פון נאכגעלאזטקייט, **וְהֵכִינוּ עַצְמָם לַעֲבֹד עֲבוֹדַת מַשָּׂא** און זיי האבן זיך אנגעגרייט צו ארבעטן א לאסט ארבעט **בְּנֹעַם ה'** מיט די זיסקייט פון השי"ת די תורה, **וְהוּא אוֹמְרוֹ וַיָּבֹאוּ מִדְבַּר סִינַי** און דאס איז וואס דער פסוק זאגט און זיי זענען אנגעקומען צום מדבר סיני.